STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06365

MONTREAL

N. Y. Gotlib

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. י. גאָטליב

מאָנטרעאַל

אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך קאָמיטעט און
מיט דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס
מאָנטרעאַל — 1968

MONTREAL

By N. J. GOTLIB

1968

Printed by

THE EAGLE PUBLISHING CO. LTD.

4075 St. Lawrence Boulevard
Montreal, Canada

PRINTED IN CANADA



אין ליכטיקן אָנדענק פון נ. י. גאָטליב ע״ה

אין משך פון פילע יאָרן האָט נח יצחק גאָטליב ע״ה געשאַפן און געווירקט צווישן אונדז אונטער באַדינגונגען וואָס האָבן קנאַפ-וואָס דערמוטיקט אַ דיכטער מיט אַ צאַרט-פילנדיקער נשמה ווי ער איז געווען. כסדר אין שוואַכן געזונט און פאַרפאָלגט פון מאַטעריעלע דאגות האָט ער אַ חוץ דעם גראַנגל פאַרן טאָג-טעגלעכן קיום אויך געדאַרפט גובר זיין די אַנימאָזיטעט און גלייכגילטיקייט פון דער היפש-מגושמ׳דיקער צפון-אַמעריקאַנער סביבה אין וועלכער אַן עמאָציאָנעלער יידישער דיכטער פילט זיך פרעמד און איינזאַם.

גאָטליב׳ס טאַלאַנט און שעפערישקייט האָבן, אָבער, גובר געווען אַלע שטערונגען. ער האָט באַוויזן אויסצוזינגען אויף קאַנאַדער ערד, אין אַ שפע פאָעמעס, סאָנעטן און עלעגיעס דעם קוהלת׳דיק-אומעטיקן סך-הכל פון יסורים׳דיקע טעג און דעם לירישן השתפכות הנפש פון אַ פאָעט וואָס ווערט אויפגעברויזט איבער יעדער גרויזאַמקייט און אין דער זעלביקער צייט אויך איבערגעלאַדן מיט ליבע צו דער נאַטור און דער פרייד פונם קרעאַטיוון קינסטלער איבער דאָס ביסעלע גוטס אינם מענטשן. גאָטליב האָט אין זיינע לידער אויף נאַציאָנאַלע מאָטיוון באַווייזט דעם אומקום פון אַ יידישער וועלט וועלכע איז געווען זיין גייסטיקע פעסטונג און קוואַל פון אינספיראַציע. ער האָט, אָבער, אין ריטמיש-אויסגעשמידטע פערזן אויך באַזונגען מיט עקסטאַז און האָפענונג דעם רענעסאַנס פון זיין פאָלק און דעם נאַציאָנאַלן אויפבוי-ווערק אין דעם לאַנד פון אונדזערע אָבות.

אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן האָט אונדזער אומפאַרגעסלעכער חבר און קאָלעגע זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ ריי שעפערישע פלענער און אויך געהאָפט צו באַזוכן מדינת ישראל. זיכער וואָלט די באַהעפטונג פונם דיכטער מיט דעם אויסגעבענקטן לאַנד אים באַגייסטערט

און אינספּירירט צו נייע שאַפונגען. די פּעדער איז אָבער געטליבן אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט גראָד אין אַ צייט ווען ער האָט דערגרייכט אַ גאָר-הויכע מדרגה פון קינסט-לערישער מאַטוריטעט און שלימות. מיט זיין אומגעריכטן טויט איז פון אונדזערע רייען אַרויסגעריסן געוואָרן אַן אייגענער מענטש, אַ דיכטער און פּראָזאאיקער וואָס האָט געהאָלפן איינצושטעלן אין קאַנאַדעס מעטראָפּאָליע אַ יידיש-ליטעראַרישע סביבה, ווי אויך אַן איידעלע פּער-זענלעכקייט וואָס האָט דאָ זיך דערוואָרבן אַ סך פריינט און אויסגעאיבט אַ גוטע השפעה אויף דעם גייסטיק-יידישן לעבן דאָ און אין די תפוצות.

טראַגיש איז דער פּריציזיטיקער טויט פון אַ קינסט-לער וואָס האָט נאָך ווייט ניט געזאָגט זיין לעצט וואָרט און ניט באַוויזן אַרויסצוברענגען מיט דער פּעדער אַלץ וואָס האָט געבראָזט אין זיין נשמה און געמיט. אָבער דער טויט האָט ניט קיין שליטה איבער דער גייסטיקער ירושה וואָס דער קינסטלער לאָזט איבער. צו גאָטליבס ליטעראַרישער ירושה קומט איצט צו די דאָזיקע זאַמ-לונג אויטאָביאָגראַפישע לידער וואָס דער דיכטער האָט ניט דערלעבט צו זען פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם. דאָס אַרויסגעבן אַ יידיש בוך אין אונדזערע מקומות איז ביי היינטיקן טאָג פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, פי-נאַנציעלע און טעכנישע. דאָס בוך „מאָנטרעאל" איז צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק און פאַרעפנטלעכט דורך דעם דיכטערס אלמנה. פאַר לאַנגע יאָרן איז זי, ראָיע גאָטליב, געוועזן זיין געטרייע אויפּפּאַסערין און לעבנס-באַגלייטערין, אַנשפּאַר און פעסטונג אין לעבן. דאָס בוך, „מאָנטרעאל" איז אַ רעזולטאַט פון אירע אומדערמיד-לעכע אָנשטרענגונגען, און זי האָט דאָס צוטיילן איר גאָט-זעליקן מאַן דעם לעצטן חסד של אמת, מיט אָפּדרוקן די איבערגעבליבענע לידער-זאַמלונג, געטאָן מיט ליבשאַפט און יראת הכבוד.

יוסף גאַלאַי.

מאָנטרעאָל, אין נײַנצן דרײַסיק,
כ'קום ערשט אָנעט מיט אַ באַן
(יונג און פול מיט ליד און מעשׂה,
ווי מיט גראָז — אַ פרילינג־לאַן).

זיפער, קאַץ און שלום שטערן*)
וואַרטן אָפּ מיך אין וואָקזאַל.
ס'איז פרימאָרגן. גאַסן, סקווערן —
ליגן זוניק אויפגעשטראַלט.

זומער זוניקט אויף די גאַסן,
ס'העלט אַ יעדער סקווער און פּאַרק;
אין אַ טעקסי, איליק, ראַשיק,
טראָגן מיר זיך צו אַ באַרג.

אָט איך זע אים פונדערנאָנט שוין —
מיט אַ הויכן קרייַז באַקרוינט;
כ'קוק צום באַרג — אין גרינעם אָנטאָן —
פול מיט נייַגער און מיט שטוין;

כ'קוק צו אַלץ מיט נייַגער־בליקן,
כ'קוק צו אַלץ מיט חידוש — גרויס;
און די שטאָט זיך ציט, זיך וויקלט, —
פול באַוועגונג און גערויש — —

נאָר אָט איז שוין קלאַרק, וואו שלום
האָט אַ צימער מיט זיין פרוי;
ס'איז די גאַס אַ היפּשלעך שמאָלע,
נאָר גענוג פאַר הימלבלוי

*) מאָנטרעאָלער יידישע דיכטער און פּראָזע־שרייבער

און פּאַר קינדער פּאַר צעשפּילטע
מיט אַ פּילקע — דאָ און דאָרט;
און פּאַר קלייטלעך — אָנגעפּילטע
מיט באַנאַנעס און מיט טאָרט;

מיט סאַרדינען, אַפּעלסינען,
ברויטן ,חלות, — ברוין און ווייס;
גרינסן, וואורשטן כל המינים,
אַנדערע געשמאַקע שפּייז — —

לאַנד פון שפע און — פון פרייהייט ,
פרייע, רייכע, גרויסע שטאָט;
ערשטער טאָג מיט פריינט מיט נייע,
ערשטער טאָג און ערשטער טראָט . . .

ערשטער טאָג און ערשטער אָוונט,
כ'שפּאַן אַרום אויף „פלעטשערס פעלד”;
ביימער גרינע, הימל בלאָוער
(פול מיט שטערן — גאָלדיק־העל).

שטערנגאָלד און — פייערפליגן,
יוני־אָוונט — וואַרעם, קלאָר;
כ'שפּאַן מיט פריינט מיט נייע, היגע
אייגן שוין אין היגער וואָר.

כ'שפּאַן מיט זיי אַזוי־אָ היימיש —
זאַט מיט ברויט און פלייש און ווייַן;
און איך זינג מיט זיי אינאיינעם
משה לייב'ס אַ זמר — פיין.*)

---

*) „די זון וועט אַרונטערגיין”, פון משה לייב האַלפּערן.

— 2 —

מאָנטרעאל, אין ניינצן דרייסיק,
ערשטע וואָכן דאָ אין לאַנד;
כ'דרוק שוין לידער, אויכעט מעשיות
אינם „אָדלער" — ווער באַקאַנט*)

צווישן יידן אַלערלייע,
וועמען יידיש איז נאָך נאָנט
(און אַ ליד פון מיר מע לייענט,
אַן עסקיז, אַ פעליעטאָן).

לאַדט מיך איינער פון זיי איינעט
אין זיין גביריש־גרויסער היים:
זיין משפחה שעפט וואו תענוג —
איז ער אינדערהיים אַליין;

קען איך ביי אים עסן, שלאָפן,
קען איך שרייבן וויפל כ'וויל;
אַלץ אין הויז איז פאַר מיר אָפן
און אַרום איז אַזוי שטיל . . .

וואוין איך שוין ביי אַ־דעם יידן**)
עס ביי אים און שלאָף און — שרייב;
זענען ביידע מיר צופרידן
און — אַ יאָר ביי אים איך בלייב.

— 3 —

ערשטער יאָר אויף היגן באָדן,
כ'האָב שוין דאָ אַ סך דערגרייכט;
ניט מיט גאָלד זיך אָנגעלאָדן,
ניט מיט זייד, מיט סאַמעט — ווייך;

*) „קענעדער אָדלער".
**) יוסף שאַפּראַן, אויף דאַוואַר עוועניו.

ניט קיין הייזער אויפגעשטעלט דאָ,
ניט פאַבריקן אויפגעבויט;
נאָר מיט שאָפן מער צעהעלט זיך,
מער מיט דיכטונג זיך צעבלויט;

און מיט שרייבער מער פאַרקניפּט זיך:
ראַבינאָוויטש, מדרש, זאַק;
און אין דרויסן מער פאַרליבט זיך,
אין אַ יעדן היגן פּאַרק,

אין אַ יעדן היגן סקווערל,
אין אַ יעדער היגער גאַס — —
און צומאָל, ווען ס'פלעגט מיר ווערן
ענג דאָ, אונטן, אינם רעש

פון טראַמווייען, אויטאָס פלינקע,
צווישן הויכע ,דיקע ווענט;
פלעג איך זיך, אַ יונגער, גרינגער,
אויפן קאָפּ פון באַרג דערזען.

כ'שטיי אויף אים און קוק אַראָפּעט:
ס'ליגט דאָרט, אונטן, אַזאַ ריז;
ליגט און — רוט ניט, יאָגט און סאָפּעט,
קלאַפּט מיט רעדער, הילכט מיט פיס;

רויכט מיט קוימענס, קלינגט מיט גלעקער,
וואָרנט מיט סירענע-קול;
און אין רוים אַליץ העכער קלעטערט,
מיט געבייען — אייזן-שטאָל.

שטיי איך לאַנג מיט גאַף אין אויגן,
קוק אַראָפּ מיט חידוש־גלי
און — מיר ווילט זיך זיך פאַרנויגן
פאַר דעם מענטשנס הייסער מי.

— 4 —

עפּטער נאָך עס פּלעגט מיך ציען
אויסער שטאָט אויף היגער ערד;
פּלעג איך מאַכן אַ נסיעה
אין ניט־וויטע, שיינע בערג.

איך דערמאָן זיך: ס'איז געווען
ערשטע רייזע מיינע דאָ;
אין אַ צוג איך בין געזעסן,
שוין געפאָרן באַלד אַ שעה;

צוגעקוקט זיך ווי עס איילן
פעלדער־שטחים — ברייט און פלאַך,
לאַנגען ברייטע — פלאַך אויף מיילן;
צוגעקוקט זיך און — געטראַכט:

ווי אין ליטע אין דער קליינער
(גרויי און אָרעם אָנגעטאָן):
מאָנאָטאָנע, פלאַכע פליינען,
לאַנגען — פלאַך און מאָנאָטאָן.

נעמען אָבער זיך באַווייזן
מחנות האָרבעדיקע בערג;
נעמט דער צוג פּאַמעלעך רייזן,
מוט אויף זיי זיך הויבן שווער:

די לאָרענשאַנס — ריזן־זקנים,
מיט געדיכטן וואַלד באַדעקט;
דאָ און דאָרטן — פעלזיק, שטייניק;
בערג און טאָלן — אָן אַן עק.

זיץ איך שוין און קוק אַרויסעט
פול מיט וואונדער און מיט גאַף:
פראַכטיק, בורא, איז דיין דרויסן! . . .
הערלעך, גאָט, איז דיין באַשאַף! . . .

בין איך שוין אַזוי געזעסן
און געקוקט אַלץ, מער און מער;
אַלץ „געטרונקען" און „געגעסן"
סיי די טאָלן, סיי די בערג.

— 5 —

פון דאַן אָן איך פלעג שוין קומען
אין די בערג פון צייט צו צייט
(פול מיט פרייד מיט בלויער, פרומער,
פול מיט יום טוב — העל צעשיינט).

מיט דער באַן געמאַכט די רייזע,
ביז אַ סטאַנציע — שטיל־פאַרקלערט;
נאָכדעם פלעג איך נעמען שפּרייזן
צווישן טאָלן ,פעלדער, בערג

צו אַ וואַלד אַ טונקל־שטילן
(סודות'דיק פאַרקלערט אַזוי . . .):
אינעם וואַלד דאָרט, אין אַ שטיבל,
וואוינט אַן אַלטער, מילדער גוי.

דזשאָרדזש מע רופֿט אים, איז אַ קוכער
אין אַ הייל־אַנשטאַלט ניט־ווייט ;
האָט ניט קיינעם, איז אַ בחור,
האָט ניט תמיד אויך קיין צייט ;

איז באַיאָכט אַליין מיטן קאָכן
אין דער סאַנאַטאָריע דאָרט.
און אין שטיבל, איך, זיין שכן,
סיליע ווערטער — וואָרט נאָך וואָרט . . .

אָדער כ׳קוק אין וואַלד אַרויסעט —
פֿול מיט ביימער אַלערליי ;
פֿול מיט שטיינער קליינע, גרויסע,
פֿול מיט בלעטער, אָדער שניי ;

ווייס אין ווינטער, גרין אין זומער,
שוואַרץ אין פֿרילינג, העל אין האַרבסט ;
זע, ווי ווינטן וויגן אום אים,
ווי אַ קרירה דריקט אים האַרב.

אָדער כ׳גיי אין וואַלד שפּאַצירן,
קלעטער אויף די בערג אַרום :
הער זיך צו צו פֿייגל־שירה,
צו אַ קוואַל — צעמורמלט פֿרום ;

קוק זיך צו צו יעדן גרעזל,
צו אַ יעדן קווייט און זאַנג — —
ביז מיין גאָרער יונגער וועזן
קוואַליקט אויפֿעט מיט געזאַנג.

— 6 —

טרעפט אָפט אויך: איך טו וויזיטן
דעם ניט־ווייטן הייל־אַנשטאַלט,
זע דאָרט זויבער־ווייסע בעטן
מיט חולאים — יונג און אַלט:

הוסטנדיקע לונגען־קראַנקע,
אויסגעצערטע, — מאַן און פרוי;
יעדנס פנים — געל און צאַנקיק,
יעדנס ליפן — מילציק־בלוי;

אַרבעטער, פון ענגע שעפער,
קראַנק פון מי, פון לעבן — שווער — — —
ליגן זיי און טוען שעפן
ריינע לופט אין זיך וואָס מער;

דינעם אַוויר, באַרגיש־קלאָרן,
היילנדיקן, — לייב און זעל;
ליגן אָפּעט וואָכן, יאָרן, —
אָפּגעשיידט פון גאָרער וועלט.

רייד איך אָפט מיט אָ־די קראַנקע,
פרואוו זיי טרייסטן, מאַך אַ וויץ;
פרואוו צעשטרייען די געדאַנקען
וועגן קלעפיק־הויכער היץ;

וועגן בלוט, וואָס פליסט פון לונגען
איבער ציך און ליילעך — ווייס;
וועגן נאָגנדיקע וואונדן,
וועגן פענכערס — פול מיט אייז.

ביז איך זע זיך, היפּש דערשלאָגן,
אינעם דרויסן אויפֿדראָסנײ
און איך נעם דאָ פֿון זיך יאָגן
קרענק און ווייטיק — שווער, ווי בלײ.

און צוריק צום צוג איך לאָז זיך:
זײט געזונט מיר, טאָלן, בערג!
זײט געזונט מיר, ביימער, גראָזן!
כ׳קום צוריק אינגיך אַהער.

— 7 —

ערשטער יאָר אין לאַנד אין היגן,
סתם אַזוי, אויף גאָטס באַראָט,
מעסט איך אָפּט מיט י. י. סיגאַל*)
ווערסטן, מײלן פֿון דער שטאָט.

טו איך אָפּט מיט אים אַרומגײן
אין דער אָרעם־ענגער איסט
(זע זיך אָן מיט נויט און אומגליק
אויך אַדאָ, וואו אַלץ איז „זיס"):

שמאָלע גאַסן — ביז גאָר שטויביק,
לאָמע הײזער, קרומע טרעפּ;
און דורך קלײנע פֿענצטער־שױבן
זעט מען אַלטע קינדער־קעפּ;

זעט מען פֿרויען יונג פֿאַרבליטע,
אין הלבשה — היפּש געמײן;
זעט מען בעטן ניט־פֿאַרבעטע,
טישן, טעלער, — פֿול געוויין.

---

*) מאָנטרעאָלער יידישער דיכטער.

אָטאָ קוקט אַ מאַן אַרויסעט —
ווי אַ בעטלער אָנגעטאָן;
ס'איז זיין פּנים, ווי דער דרויסן
אויף דער גאַס דאָ — דע בוליאָן.

אָטאָ פּאָרט אַ ייד אַ גרייזער
אויף אַ פערד־און־וואָגן — אַלט;
רופט כּסדר צו די הייזער:
שמאַטעס קויף איך! מעבל! אַלץ!

מעסטן מיר דאָ געסלעך, גאַסן:
ראָי, קאָלאָניאַל, סיטי האָל —
ווערן מיטן צער באַוואַשן
פון אַ יעדן בליק און קול.

שפּאַנען מיר דאָ לאַנג אַרומעט
(צווישן מעין סטריט און לאַוואַל);
טרינקען אָן זיך מיטן אומעט
פון אַ יעדן הויז און שטאַל.

— — — — — — — — — — — — —

נעמט דאָ סיגאַל מיר דערציילן
פון זיין ווייטער שטעטל-היים,
פון זיין טאַטנס טואונג — הייליק —
אין דער אָרעם־ענגער היים;*)

פונעם שטייגער דאָרט, אין קאָרעץ,**)
שבת, וואָכטעג — אַזוי פרום;
קלענסטע קלייזל — פול מיט ספרים,
תורה, תפילה אומעטום;

*) סיגאַלס טאַטע איז געווען אַ סופר.
**) סיגאַלס היימשטעטל, אין וואָליז.

תחינה־ניגון, תהילים־קלאַנגען,
חסידות אין אַ יעדן הויז;
שיינע דורות — לאַנג פאַרגאַנגען,
נעמען — העל, געשטאַלטן — גרויס.

און אַ זמר — פרום און ציכטיק —
נעמט ער מיר דאָ לייענען:
פון רב נחמן — זוניק, ליכטיק,
פונעם ליכטיקן בעל־שם.

— 8 —

עספלענעיד, אַ גאַס אַ וואַולע:
זויבער, שטיל, באַגראָזט, באַבוימט;
קעגן באַרג דאָ מיטן צלם
שטייט אַ מויער — רייך מיט טרוים.

ס'איז מיט ביכער פול דער מויער,
ס'איז אין אים אַ ביבליאָטעק;
קומען מענער, קומען פרויען
בייטן ביכער דורך די טעג.

קום איך אויך אַ ספר בייטן,
קום „אַזוי" פון צייט צו צייט:
קוק אַריינעט אין אַ צייטונג —
ערשט געקראָגן פונדערווייט.

קוק אויפסניי צו די פּאָרטרעטן
רונדאַרום, אויף אַלע ווענט:
פּראָזע־שרייבער און פּאָעטן;
טרוימער... קעמפער מיט דער פען...

ס'איז מיר גוט דאָ מיט די ביכער —
אין דער שטילקייט אַרום מיר;
כ'פיל מיט זיי זיך פיל מער זיכער . . .
ס'איז מיין וועלט — אַ בוך, אַ שיר . . .

ס'איז מיין וועלט אַ וואָרט, אַ ניגון,
ס'איז מיין וועלט אַ חלום — העל
(כ'טו זיך אָפּט מיט אים פאַרוויגן
אין דער וואָרער, גרויער וועלט).

זיץ איך דאָ און רו אַ ווײַלע —
אויסגעטאָן פון יעדן יאָך.
און אינדרויסן, ראַשיק, אײַליק,
יאָגט די שטאָט אַליין — אין געקאָך.

— 9 —

עספּלענעיד, ביים סוף ביים סאַמע,
נעבן דער וואַן האָרן־גאַס;
ס'וואוינט אַדאָרט אַ פרוי — אַ מאַמע
צו אַ יעדן שרייבער־גאַסט:

די פּאָעטין איידע מאַזע;
וואוינט מיט מאַן און קינדער צוויי;
ס'איז איר בעסטע עולם הזה —
לינדערן אַ צווייטנס וויי;

טאָן פאַר יעדן — פרעמדן, היגן, —
איינגעפּענט אין זאָרג, אין נויט;
אַ געלעגער פאַר אים קריגן,
קריגן פאַר אים אַרבעט, ברויט.

און באַזונדערס — פּאָר קאָלעגן,
סיי פון הי און סיי פון ווייט.
נעמט זי אויף ביי זיך אַ יעדן
מיט אַ פּנים — אויפגעשיינט.

שטעלט זי כיבוד מיט אַ שמייכל —
מאַמעדיק און צנועה׳דיק;
רעדט זי רייד געלאַסן־ווייכע
(מיט אַ פרומקייט אינעם בליק).

אָרעמלעך, ניט־גרויס איר היים איז,
אָבער וואַרעם, ווי אַ נעסט;
שפּירט מען זיך דאָ זייער היימיש,
איז דאָ תמיד פול מיט געסט.

טו איך מאַזען אָפט באַזוכן,
שפּיר ביי איר זיך, ווי ביי זיך;
טרינק איר טיי און עס איר קוכן,
הער פון איר אויס אַ געדיכט;

פיר אַ שמועס וועגן דיכטונג,
וועגן לעבן, מענטש און וועלט;
הער פון איר אַ מיינונג — ריכטיק,
פול מיט שכל און באַזעלט;

ס׳איז מיר גוט מיט איר צו ריידן,
סתם פאַרוויילן אין איר הויז,
זיין דאָ פון „יאַריד״ אַן עדות:
דער — אַריין און דער — אַרויס.

ערשטער האַרבסט אין די לאָרענשאַנס,
אינדיאַנער זומער — שיין;
כ׳בין אַוועק פון שטאָט און מענטשן
זיין באַניים מיט זיך אַליין.

זיך איך ווידער אינעם שטיבל
פונעם אַלטן בחור — דזשאָרדזש;
ס׳איז אַ תשרי־פרי אַ ליבער,
מיט אַ הימל — בלוי־צעקלאָרט.

קוק איך צו דעם וואַלד — באַאָסיענט:
געל און גאָלדיק, רויט און ראָז;
קוק איך צו די טראָפּנס ראָסע
אויף די ביימער, אויפן גראָז.

ווערט לסוף מיר גוט אַזוי־אָ —
אַזש די אויגן ווערן פייכט...
שרייב איך שורות — לויטער, טוויאיק,
שרייב איך פּערזן — זון־באַרייכט.

נאָכדעם לאָז איך זיך באַנייעם
מיט די שטעגלעך פונעם וואַלד;
קוק זיך צו צום „קאַלטן פייער"
אויף די ביימער אינעם וואַלד;

שטייג אַרויף אויף בערג אויף הייכע,
קלעטער אַליין, פון באַרג צו באַרג;
הויב זיך העכער, טו דערגרייכן
קאָפּ פון סאַמע העכסטן באַרג;

רו זיך אָפּ דאָרט פונעם שטייגן
אויף אַ שטיין — מיט מאָך באַדעקט;
הער זיך צו צום טיפן שווייגן
רונדאַרום — ביז ווייטסטן עק . . .

זיך אַזוי אַליין, נאָנט צום הימל,
איינאַליין אין וועלט אין גאָר
און מיר דאַכט: איך הער גאָטס שטימע,
און מיר דאַכט: איך זע „אים" דאָרט.

— 11 —

גיי איך נאָכאַמאָל באַזוכן
קראַנקע פריינט אין הייל־אַנשטאַלט;
זע איך: דורך די לעצטע וואָכן
זענען פיל געוואָרן אַלט.

און אַצינד זיי וועלקן שנעלער,
ווי אינדרויסן — גראָז און בלאַט
(און די פּנים׳ער — נאָך געלער,
און די בליקן — מערער מאַט).

פרעג איך זיך דאָרט נאָך אויף איינעם
(מיט אַ פּנים — ביין און הויט);
זאָגט מען מיר: ניטאָ מער יענעם,
שוין דעם צווייטן חודש טויט;

דרייצן יאָר זיך אָפּגעראַנגלט —
יעדן טאָג און יעדע שעה . . .
איז ער ענדלעך אויסגעגאַנגען,
איז לסוף אים מער ניטאָ.

בלויז אַ לונג פון אים געבליבן —
דורכגעלעכערט, אין אַ סלאַי:
אַ געדעכעניש אַ טריבע
פון אַ לעבן — אַך און אוי.

(ס'האָט דער דאָקטער מיר געוויזן
אָ־די לונג — אין סלאַי, אין ספּירט;
כ'האָב באַטראַכט זי: פול מיט ריסן
און — דעם טויט אַ ווייל געשפּירט).

— 12 —

ווידער שטאָט, שוין אָסיען טיפער,
ביימער־קעפּ — אָן בלעטער, הויל;
צפון־ווינטן ווייען, שטיפן,
קילן באַקן, נאָז און מויל.

לאַדט מיך איין אַ לעקציע האַלטן
אין איר זאַל די ביבליאָטעק;
זיצט אַן עולם — יונגע, אַלטע —
אָנגעפּאַקט פון עק ביז עק.

רעפּעריר איך פאַרן עולם
וועגן נייעם יידיש־ליד:
אין אַמעריקע, אין פוילן,
אויך אין רוסלאַנד — רויט צעגליט.

ס'איז מיר טייער אָ־די טעמע,
ס'איז פּאָעזיע טייער מיר . . .
„זיפּ" איך דורך פיל דיכטער־נעמען
און — פון לידער איך ציטיר.

זיצט דער עולם, טוט מיך הערן
און — די ווערטער מײַנע שלינגט
(ס׳זענען נאָך געווען דאַן הערער —
סײַ פֿון רעכטס און סײַ פֿון לינקס;

ס׳זענען נאָך געווען דאַן לעזער —
היים אין אונדזער שפּראַך פֿאַרליבט;
ס׳איז נאָך דאַן אַ וועלט געוועזן —
פֿול מיט יונגן ייִדיש־ליד).

— 13 —

נעמט מיך דאָ אַן אומעט נאָגן —
לאָז איך זיך אינווייט אַוועק;
קיין טאָראָנטאָ טו זיך טראָגן
אין אַ מאָרגן — גרוי געדעקט;

טראָגט זיך אין אַ צוג אַ גיכן,
דורך אַ פֿענצטער קוק אַרויס:
פֿעלדער — נאַקעט, וועלדער — פֿליכיק;
ס׳איז קאַנאַדע אַזוי גרויס;

ס׳איז קאַנאַדע אַזוי פּוסט נאָך,
ס׳איז איר באָדן הויל אַזוי
(ווי די ביימער, ווי די קוסטעס
אינעם טאָג הײַנט — חשוון־גרוי).

קענען נאָך מיליאָנען מענטשן
זיך פֿאַרשטאַמען אין איר גרונט;
זײַן דעם היגן לאַנד אַ בענטשונג,
דורות אויפֿשטעלן — געזונט.

זיץ איך לאַנג און קוק אַרויסעט,
זיץ איך אַליין און — מעדיטיר.
ביז פאַרנאַכט הילט איין דעם דרויסן
און — די שטאָט באַווייזט זיך מיר.

— 14 —

נייע שטאָט און — יידן נייע
(ס'רוב פון זיי — פון פוילן-לאַנד);
ווער איך אין דער שטאָט דער נייער
מיט ספּעדראַינע באַלד באַקאַנט:

ס'איז דער מעין סטריט פון טאָראָנטאָ,
ס'איז כמעט ווי אַלטע היים:
געסל־גאַס — אין שטעטל־אָנטאָן,
מאַמע־לשון — מלא חן;

אַ רעדאַקציע, רעסטאָראַנדלעך,
אַ לאָקאַל און אַ קינאָ;
קלויז און שולע, שאַפּ און האַנדל
און — אַ יוגנט איז נאָך דאָ.

טו איך ריידן אין לאָקאַל דאָ
צו אַן עולם — גאַנץ נאָך יונג;
הערט מען אויס מיך אָנגעשטראַלטע
מיט אַ היימיש־אַלטער זון.

שפּאַן איך אומעט אויף ספּעדראַינע,
ווי אין קאָוונע, ווי אין דווינסק;
ווער מיט יידיש אָנגע'תענוג'ט,
ווי אין ווילנע, ווי אין פּינסק.

שפּאַן אין אומעט ,העל צע'יום־טוב'ט,
מיט קאָלעגן — ניי־באַקאַנט:
יידיש־שרייבער פון טאָראָנטאָ:
אַפּטער, טרייסטער, פּאָמעראַנץ.

— 15 —

אָטאַווא, אַ שטאָט אַ צווייטע
(קרוינשטאָט פון קאַנאַדע־לאַנד);
זען דאָ פּ ר י ש ע פריינט עס פרייט מיך:
גריק, פּאָליסקי, הענדעלמאַן.

„לעקטשור" איך דאָ אין אַ שולע,
עולם — ווייניק, אָבער נאָנט;
טו דערנאָך אַביסל „הוליען":
מאַך וויזיטן דאָ און דאָרט;

שפּאַן אויף גאַסן שטילע, ריינע,
זע דאָ־דאָרט אַ מאָנומענט;
אָטאָ איז אַ שלאָס אַ שיינער,
אָטאָ איז דער פּאַרלאַמענט — —

גיי איך אויבעט זען די בילדער
פון אַ בילדער־גאַלעריי;
רייך אין ראַמען איינגעהילטע,
קונסט־יצירות — ריי נאָך ריי.

קוויק איך זיך מיט רובענס־פרויען:
ליכטיק ,לייביק, פול מיט רייץ;
טוען אויף מיר זאַפטיק, טוויאיק
טאָמפּסאָן־לאַנדשאַפטן אַ פלייץ.

זופּ איך זון פון די געזיכטער
פונעם האָלענדער — רעמבראַנד;
ווערט מיר אין די אויגן ליכטיק
פון צעשיינטן טיציאַן.

בריען מיך קאָלירן — פייער —
פון משוגענעם וואַן גאָג;
בין איך נאָכדעם זיך מחיה
מיט סעזאַנס אַ פרילינג־טאָג.

פיסאַראָ און באָטיטשעלי,
לעאָנאַרד און שאַגאַל — —
כ׳זעט מיט קונסט מיין זין און זעל אָן,
כ׳ווער מיט שיינקייט אָנגעקוואַלט.

— 16 —

קוויבעק! עלטסטע שטאָט אין לאַנד דאָ,
מיט היסטאָריע אָנגעפּראָפּט,
כ׳שפּאַן ביי דיר שוין שעה׳ן לאַנגע
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ.

אונטן שפּרייט זיך דער סענט לאָרענס,
אויבן גאַס נאָך גאַס זיך שפּרייט;
כ׳גיי און קוק און קלער פון קברים —
אין דיין באָדן רייך פאַרזייט.

ס׳האָבן שלאַכטן לאַנגע געשאָבן
באָדן דיינעם — באַרג און פליין;
האָסט דאָ, קוויבעק, פיל באַגראָבן
אינדיאַנערס בלוט און ביין;

אויך פֿון בריטן און פּראַנצויזן
(אין גערײַנגלענדיש פֿאַר מאַכט);
סומנע יאָרן, ווילד און גרויזאַם —
לאַנג פֿאַרהילט אין בלינדער נאַכט.

סומנע יאָרן. כ׳שפּאַן אַרומעט
אויף די „פּליינען פֿון אַברם״;
זע דיך, שטאָט קאַטויליש־פֿרומע,
אַלט און — היינטיק אָנגעטאָן:

מויערן און — שטיבער — מאָביק,
פּרימיטיוו און — אונדזער צייט;
אויבן — היינטיקע עפּאָכע,
אונטן — אינדיאַנער צייט.

— 17 —

ערשטער ווינטער אין קאַנאַדע,
מאָנטרעאַל — אַ ים פֿון שניי;
ס׳וואָיען ווינטן — וועלף אַ סטאַדע —
וואו איך שטיי און וואו איך גיי;

נאָרדיש־בייזע זאַווערוכעס —
מעסערדיק און חלפֿ׳דיק;
פּייפֿנדיקע הפֿקר־רוחות —
בייסנדיק און פּייפֿנדיק.

גיי איך קנאַפּ פֿון הויז אַרויסעט
(יוסף שאַפּראַנ׳ס, אויף דאַוואַר):
זאָל דער וואָיענדיקער דרויסן
מילדער ווערן — אַלץ איך וואַרט.

קומט לסוף אַ מאָרגן אָנעט —
בלוי צעוויקלט, זוניק בלאַנק;
קוטע איך זיך וואַרעם איינעט
און — איך שפּאַן שוין צו דער באַן.

אין די בערג איך פאָר היינט ווידער,
אויף אַ וואָך — צום ווינטער דאָרט:
שרייבן דאָרטן נ י י ע לידער:
וועגן ווינטערס ווייסער וואָר . . .

טו איך שוין אין צוג זיך הוידען,
קוק אין קלאָרער וועלט אַרויס;
ביז איך קום אין וואַלד — פאַר׳סוד׳עט,
אין דעם אַלטן בחור׳ס הויז;

טרעף ביי אים אַ שפּאָגל־נייעס —
אַ מאָכנאַטן, גרויסן הונט;
„ביבי" רופט מען אָ־די חיה —
צוגעלאָזן, הינטיש גוט.

ווער איך מיטן כלב חבר,
נעם אים אָפּט אויף אַ שפּאַציר
אינעם פראָסטיק־שאַרפן אַוויר,
אינעם וואַלד — מיט ווייס באַצירט.

טוען מיר אויף הייכן שטייגן —
איינגעהילט אין שניי, אין קעלט
(און פון דרויסן, פול מיט שווייגן,
ווערט אין קאָפּ מיר אַזוי העל . . .

און פון דרויסן ,פול מיט קרירה,
פון די שנייען — שטראַליק, שטייף —
נעם איך יערן מיט יצירה,
ווערן אין מיר שירים רייף . . .)

בין איך שוין אין וואַלד געבליבן
ניט אַ וואָך, נאָר פולע צוויי
און מיט חשק אַלץ געשריבן
ווינטער־שירים — רייך מיט שניי.

רייך מיט ווייס און בלוי און זונגאָלד,
רייך מיט שימער און מיט בלענד;
פול מיט חלום ראָזן, יונגן,
פול מיט שאַפערישן ברען.

ברענג איך דאָ אַ טייל אַ לאַנגן
פון אַ שיר — געשאַפן דאַן:
עד איז זוניק און געזאַנגיק
אויך אַצינדער — גלייך ווי דאַן:

— — — — — — — — — — — —

. . . ווינטער איז, אַ פרי אַ קלאָרער,
פעלדער — שנייאיק, וועלדער — ווייס;
אָטאָ קום איך שוין צופאָרן,
בין שוין אין די בערג באַנייס;

שפּאַן איך אום דאָ אַ דערפרייטער
אויף אַ שניי־באַשפּרייטן שליאַך
צווישן טאָלן ,בערג באַשנייטע, —
צום אַרום צום גאָרן וואַך:

שניי און שניי — אויף אַלע זייטן,
ווייס און ווייס — ביז הימל-ענד;
און אויף נאָנטן און אויף ווייטן
לינדער זונגאָלד איז צעבלענדט;

און אויף הייכן און אין טאָלן
רוט אין שלווה בלויער טאָג;
רו און שלווה, טרוים און שלום,
און — קיין נפש איז ניטאָ . . .

שפּאַן איך אום דאָ אַ צעבליטער,
מיטן זונגאָלד אָנגעהעלט;
בערג אַרום מיר, איך — אינמיטן,
און מיין בליק מיט שמחה קוועלט:

ס'לויכטן שטיבלעך אין דער שטילקייט,
ס'פינקלען שויבן קעגן זון;
און צוקאָפּנס פון די שטיבלעך
ברענען אייזליכט פּאָרכטיק־פרום . . .

כוהנים ביי דער עבודה —
שטייעןביימער ווייס געהילט;
שבת? יום טוב? צי ראש חודש?
ס'פּעלט נאָר דאָ לוויים־שפּיל . . .

אָנגעטאָן אין ווייסע הילעס,
זיצן שטיינער אין אַ רינג;
הערן אויס אַ ווינטער־תּפילה —
אויסגעפּייפלט פון אַ ווינט.

נעבן זיי — אַ דעמב אַן אַלטער,
אויפן קאָפּ — אַ שניי־של־ראש;
ווינט זיך אום אין פרי אין קאַלטן,
דאַוונט שחרית אינעם פראָסט . . .

שפּאַן איך אום דאָ אַ צעבליטער,
מיטן זונגאָלד אָנגעהעלט;
בערג אַרום מיר, איך — אינמיטן,
און מיין בליק מיט שמחה קוועלט.

קוועלט אַ ליד אַ טוויאיק־פרישע,
טיף אין האַרץ אין מיינעם אויף;
טאַטע גוטער, פאָטער זיסער,
כ׳שיק אים דיר מיט דאַנק אַרויף:

פאַר דיין וויים אין אַלע ענדן,
פאַר דיין בלוי און זונענליכט;
בענטש מיך, בורא, מיט דיין בלענדונג,
זון מיך אָן מיט דיין געזיכט;

העל מיין זעל אָן מיט דיין שטראַלונג,
ריר מיין מויל אָן מיט דיין האַנט,
אַז איך זאָל מיט לידער — קוואַליק —
דינען דיר נאָך יאָרנלאַנג!

— 18 —

ערשטער פרילינג מאָנטרעאַלער.
פאַראַיאָרן אין דער צייט
האָט נאָך קאָוונע — באַרגיק, טאָליק, —
פאַר די אויגן מיר געשיינט.

כ׳בין אין ליטע נאָך געווען —
אין מיין היימלאַנד — אָרעם, קליין
(און אין קאָוונע נאָך געזעסן —
אין מיין חסידיש־פרומער היים).

האָב אין ליטע פיל געאַרבעט:
בין אַ חלוץ דאָרט געווען,
אין זשורנאַלן מיטגעאַרבעט — —
נאָר קיין מאָרגן ניט געזען.

איז מיר דאָרטן ענג געוואָרן:
ניט קיין מאָרגן, ניט קיין היינט;
האָב איך זיך געריסן פאָרן —
זאָל עס זיין אַפילו ווייט.

האָב איך איינמאָל — אין מיין אומעט —
אַזוי שטייניק, אַזוי שווער —
פון אַ פריינט אַ בריוו באַקומען:
פאָרן כ׳קען צו אים — אַהער:

ס׳איז קאַנאַדע גרויס געוואַלדיק,
ס׳איז קאַנאַדע ביז גאָר רייך;
קען איך אַרבעט קריגן באַלד דאָ,
קען איך אויכעט ווערן רייך.

בין איך גרייט געווען צו פאָרן:
שוין געוויינט צו נע ונד;
שוין אין רוסלאַנד אומגעפאָרן,
אומגעוואָגלט ביזקל זאַט

(און פֿון הונגער פֿיל געליטן,
און פֿון קעלט געליטן פֿיל;
פֿון מגפֿות, פֿון באַנדיטן —
האַידאַמאַקיש, חיה'ש, ווילד).

בין איך קוים פֿון דאָרט אַנטרונען —
קריק אין ליטע זיך דערזען;
היים און ליבסטע נאָך געפֿונען
(נאָך פֿיל יאָר זיך ניט זען).

איז אויך ליטע ענג געוואָרן
(נאָך פֿינף נייע יאָר אַדאָרט);
בין איך ווידער גרייט צו פֿאָרן;
איצט — אין גאָר אַ ווייטן אָרט.

איז אַ פּרי לסוף געקומען
(פֿון אַ מאַי־טאָג — בלוי, צעזונט):
ברידער, שוועסטער, מאַמע פֿרומע,
כ'פֿאָר אַוועק שוין — זייט געזונט!

— — — — — — — — — — — — .

בין איך איצטער אין קאַנאַדע,
בין אין רייכן מאָנטרעאל;
נאָר אויך דאָ, אין לאַנד אין זאַטן,
איז מיין חלק — ניט קיין גאָלד;

ניט געשעפֿטן, ניט פֿאַבריקן,
ניט מאַיאָנטקעס — פֿול מיט גוטס;
כ'יאָג זיך ניט נאָך אָ־די גליקן,
ס'גייט מיר קנאַפּ אָן זייער נוץ.

בין אַ בטלן — ווי געוועזן,
חלום אַלץ — אַ דאָן קיכאָט
(און פאַרגין מיט גאָר מיין וועזן
יעדערן, וואָס „האָט און האָט").

טו איך דאָ קיין וועלט ניט „ברענען",
לעב אַדורך זיך ווי עס איז;
זאָל איך נאָר, דער עיקר, קענען
שרייבן, דיכטן — עכט און פריש...

— — — — — — — — — — — —

גרינט אַצינד אַ נייער פרילינג,
שוין אַ היגער — היפשלעך קאַלט;
שפרייט זיך שטאָט — אין גרינער הילע —
מיט אַ בלייבער זון באַשטראַלט.

דאָ איז „פריילעך" אויף די גאַסן:
פול געברויז — אויף נאָנט און ווייט;
שפאַן איך אום מיט זון באַוואַשן
און — די גאַסן מעסט און שנייד:

פון דע לעפּי ביז סענט דעניס,
פון בערנאַרד ביז נאָטער דאַם;
שטאָט — מיר דאַכט — איז אָן אַ גרענעץ,
שטאָט — מיר דאַכט — איז אָן אַ צאַם;

פול מיט גאַסן און מיט פּאַרקן,
פול מיט מויער און מיט הויז;
פול מיט קלויסטערס הויכע, שטאַרקע,
פול מיט שולע און מיט קלויז;

פול מיט שעפּער און מיט קראָמען,
פול מיט קאַלעדזש און קאָנווענט;
פול מיט אויטאָס און מיט טראַמען,
מיט שפּיטאָל און תּפיסה־ווענט;

פול מיט מענטשן כל המינים
(מיט לשונות אַלערליי),
פול מיט „געלע” און מיט „גרינע”,
פול מיט קאַמף און פרייד און וויי — —

שפּאַן איך אום באַנייס פאַר'חידוש'ט,
קוק באַנייס מיט שטוין אין בליק;
ביז אַ ליד אויף לשון יידיש
אין מיין האַרצן זיך צעבליט.

— 19 —

קום איך איינמאָל, אָנהייב יוני,
אין די בערג אָן אויפדראָסניי, —
שטייען זיי מיט גראָז באַשפּונען,
שטייען זיי צעגרינט אויפסניי.

שטייט דער וואַלד באַוועבט מיט גראָזן,
שטייט אין בלעטער איינגעהילט
(און מיט הימלבלוי באַגאָסן,
און אין זונגאָלד אויפגעשפּילט.

זינגען פייגל אויף די ביימער,
זשומט אַ בין אַרום אַ בלום;
גרינע ערדן, בלויע רוימען,
זונען-גינגאָלד רונדאַרום.

טרעף איך אין באַקאַנטן שטיבל
אַ נאָך ניט באַקאַנטע פרוי
מיט אַ בליק אַ וואַרעם־ליבן,
מיט אַ שמייכל — ליב אַזוי;

מיט אַ גוף אַ בויגיק־דינעם,
מיט אַ רייץ אין יעדן ריר;
פאַנגט זי באַלד מיין זעל און זינען,
ווער איך באַלד פאַרליבט אין איר.

— — — — — — — — — — — —

בין איך שוין מיט איר באַקאַנט דאָ,
ווייס פון איר אַביסל שוין:
איז שוין זיבן יאָר אין לאַנד דאָ
און אין מאָנטרעאל זי וואוינט;

אַרבעט אין אַ שאַפּ אַדאָרטן,
ביכער לעזט אין פרייער צייט;
גייט צו לעקציעס, צו קאָנצערטן,
זעט אַמאָל זיך מיט אַ פריינט;

טוט געזעלשאַפטלעכע אַרבעט
דאָרט, אין שטאָט, אין אַ פאַראיין;
איז זי איצטער פריי פון אַרבעט
אויף איר אורלויב — דאָ, אַליין.

— 20 —

זענען מיר דאָ נאָנטע שכנים:
שטייען איין אין זעלבן הויז;
אין צוויי קאַמערן אין קליינע
(ס׳טיילט אַ וואַנט אונדז אָפּעט בלויז).

טראַכט איך אָפּט פֿון שכנה מײַנער
(הערנדיק זי הינטער וואַנט);
ס'ציט מיך צו איר פּנים־שײַניק,
צו איר בויגיקער געשטאַלט.

ליג איך אָפּט און קען ניט שלאָפֿן,
ליג און מוסר זיך דערבײַ:
ביסט פֿון פֿרויען דאָך געלאָפֿן,
ווי אַ בלינדער זיי פֿאַרבײַ;

האָסט געוואָלט נאָר שרײַבן, דיכטן,
מיטן וואָרט נאָר זײַן פֿאַרקניפּט;
האָסטו זיך — אַזוי־אָ גיך דאָ —
בּרעניק אין אַ פֿרוי פֿאַרליבט!

וואַך איך אָפּטמאָל לאַנגע שעה'ן
(הער אַלץ ווי די שכנה שלאָפֿט);
ביז פֿאַרטאָג הייבט אָנעט גרויען,
זעט: די נאַכט איז שוין בײַם סוף.

— 21 —

קומט איינמאָל אַ פֿרי אַ שײנער,
הילט אַלץ אײַן אין גאָלד און בלוי —
איז פֿונלאַנגשוין וואַך מײַן שכנה
און איר פּנים לויכט אַזוי.

פֿרישטיקט אָפּ די שכנה מײַנע
און — זי ווענדעט זיך צו מיר:
אין אַ טאָג — אַזוי־אָ שײַניק —
גוט איז מאַכן אַ שפּאַציר;

קלייבן יאַגדעס אינעם וואַלד דאָ,
זאַמלען קווייטן פאַרביק, שיין
(און איר פּנים דער צעשטראַלטער
ווערט נאָך מערער מלא חן).

שפּאַנען מיר אין וואַלד שוין אומעט —
אויף אַ טוי־באַפּייכטן גראָז;
זאַמלען יאַגדעס, קלייבן בלומען —
געל און רויט און ווייס און ראָז;

קלעטערן אויף בערג־שיפּועים —
גראָזיק, בלומיק אָנגעטאָן;
זעצן זיך אַ ווײַלע רוען
אינעם שאָטן פון אַ קליאָן.

זיצן מיר, צוויי יונגע וועזנס,
פול מיט פרילינג און מיט צוויט,
זאַט מיט בלאַט און קווייט און גרעזל
און — מיט גאַרונג אָנגעגליט.

נעם איך גלעטן שכנה'ס פּנים,
נעם איך צערטלען אירע הענט;
קוקט זי מיך מיט ליבשאַפט אָנעט,
ווער איך פון איר בליק פאַרבלענדט.

— 22 —

שכנה מיינע האַרציק־נאָנטע,
לאָמיר עפּעס טאָן מיט זיך:
ס'לויכט אַרום אונדז אַזאַ יום טוב!
ס'העלט אַרום אונדז אַזאַ ליכט!

לאָמיר טאָן וואָס: טאַנצן, זינגען,
קײַקלען זיך פֿון אַ־דעם באַרג;
פֿלעכטן פֿינגער זיך אין פֿינגער
און — אַ פֿרייד פֿון ביידן שפּאַרט.

קוש איך אויס איר גאָרן פּנים
פֿול מיט שׂמחה און מיט גליק;
קוקט זי מיך מיט ליבשאַפֿט אָנעט
און — זי קושט מיך אויף צוריק.

קוש איך זי נאָך מער צעשטראַליקט
און איך רעד צו איר אַזוי:
דו מײַן היים־געליבטע כּלה,
דו מײַן הויך־פֿאַרערטע פֿרוי,

אָטאָ איז שוין אָנהייב זומער,
לאָמיר בלײַבן אין די בערג;
מיט די ביימער און די בלומען,
מיטן הימל און דער ערד;

מיט אַ יעדן גראָז און זאַנגל,
מיט אַ יעדן שמעטערלינג;
מיט די פֿייגלשע געזאַנגען,
מיט דער פֿײַפֿעניש פֿון ווינט;

מיט דער זון און מיט די שטערן,
מיט דעם אַלץ, וואָס הייסט „נאַטור";
לאָמיר דאָ פֿאַרשפּונען ווערן
מיט דער גאָרער „קרעאַטור";

זאָל דאָ אונדזער ערשטער זומער
זיך פאַרוועבן מיט דעם אַלץ,
וואָס איז פול מיט ליבע פרומער
אינעם גאָרן וועלטן-אַל!

הערט זי אויס מיך מיט אַנציקונג
(און מיט רייץ אין יעדן ריר)
און — זי טוט מיך צו זיך דריקן,
און — זי ענטפערט „אמן" מיר.

— 23 —

גייען טעג פון יענעם זומער
(ווייט אַזוי פאַרשוואומען שוין);
טעג — מיט ליבשאַפט אָנגעבלומיקט,
נעכט — מיט יונגשאַפט אָנגעקרוינט;

טעג און נעכט און — וואונדערוואָכן,
אינעם טונקל-גרינעם וואַלד;
אויסגעטאָן פון אַלע יאָכן,
ווייט פון שטאָט און איר געוואַלד.

זאָל די שטאָט די ווייטע רוישן —
פול מיט עול'ן און מיט מי;
מיר — אַדאָ, אין פרייעם דרויסן,
מיר — אין לופטיק-לייכטער הי;

מיר — מיט פלאַנצן און מיט דופטן,
מיר — מיט פעלד און באַרג און ווינט;
מיר — מיט יערונג אין די גופים,
מיר — מיט ברויז אין זעל, אין זין — — —

האָב איך דאַן ניט נאָר מיט ליבע
אָנגעטרונקען טעג און נעכט;
האָב איך דעמאָלט אויך געשריבן:
פערזן — זאַפטיק, שירים — עכט.

ברענג איך דאָ פון זומער יענעם
איינס אַ ליד — געשאַפן דאַן;
פול מיט שורות — פלאַמיק, ברעניק,
פול מיט זוניקן געזאַנג:

— — — — — — — — — — —

באַקן — העלער עפל־צווייט,
ליפן ,קאַרשן צייטיק־רויטע;
גאָלדענער די זון הײנט גליט
אונטער הימלען טיף צעבלויטע.

גיב מיר דיינע פידלען־הענט,
ווי אַ סטרונע — יעדער פינגער;
כ׳וועל אויף זיי, באַניים צעברענט,
היים מיין ליבע דיר צעקלינגען.

פול מיט גאַרונג איז דיין לייב,
צניעות־פולע — דיינע אויגן;
רייצנדיק פאַרשייטע ווייב;
מיידל — פרום, צוריקגעצויגן.

פעד־גערוך אין וואַלד פון האָר,
פייגל־טרעלן אין דער שטימע;
טו אַ גלעט מיך מיט אַ וואָרט,
מיט אַ צערטל טו אַ ברי מיך.

צי מיך צו און — שטויס מיך אָפּ,
קלעם אויפֿסניי אין אָרעמס איינעט;
שיכּור דרייט זיך היינט מיין קאָפּ
פֿון דיין קוש דיין יעדן — וואַיניק.

— 24 —

ענדע זומער, ענדע אלול,
קיל איז אָפּט שוין אינעם וואַלד;
ביימער — אין הלבשה געלער,
ביימער — גאָלדיק אויפֿגעשטראַלט.

ס׳ווייעט שוין מיט אָנהייב אָסיען,
אומעטיק איז אָפּט אַרום
(כאָטש דער וואַלד איז אָנגעגאָסן
מיט אַזאַ מין מילדער זון).

דאַרף מען צו דער שטאָט זיך גרייטן,
איצט — אינצווייען גרייטן זיך;
טיילן טרויערן און פֿריידן,
טיילן טונקלעניש און ליכט.

שפּאַנען מיר אַוועק דערווײַלע
אין אַ שטעטעלע — ניט־ווייט:
ד אָ ר ט אַן אלול־טאָג פֿאַרווײַלן,
זען זיך דאָרטן מיט אַ פֿריינט.

שפּאַנען מיר פֿאַרקלערט ,געלאַסן,
מעסטן וועגן — ווייך און האַרט;
ביז עס ווייזן זיך די גאַסן
פֿונעם שטעטל — סענט אַגאַט.

סענט אַגאַט, מיט בּערג בּאַרינגלט,
מיט אַ לעיק — אין זון צעבּלאַנקט;
זיצן מיר בּיים לעיק — צעפּינקלט,
רוען אָפּ זיך אויף אַ בּאַנק.

האָט דאָ זומער היפּש געטומלט,
האָט דאָ זומער היפּש געזשומט;
איצטער אָבּער העלט אַן אומעט
אַזאַ שווייגיקער — אַרום.

זיצן מיר אַ ווייל בּיים וואַסער
(שימערדיק און גרינג צעוויגט);
שניידן נאָכדעם געסלעך, גאַסן
(ליידיקלעך און חלומ׳דיק).

גייען זען ראובן בּריינין
אין אַ זומערהיים ניט־ווייט:
שמועסן און שעפּן תענוג
פון אַזאַ פּערזענלעכקייט . . .

אָטאָ איז ער — אַ בּן־שבעים,
אַ בּאַרימטער, אַלטער ייד;
מיט אַ בּאָרד אַ שניי־איק־סיווער,
מיט אַ פּנים — שיין, נאָר מיד.

קוק איך צו זיין שיינעם פּנים,
הער זיך איינעט אין זיין קול;
הייבּן אָן זיך מיר דערמאָנען
בּיכער זיינע פון אַמאָל:

ראובן ברייניןֿ, דער העברייער
דער מאָדערנער אין זיין צייט;
דער העברייער־אייראָפּייער,
חבר מיט באַרימטע לייט;

פיל געשריבן, פיל געפּאָרן,
אינטערוויוען פיל געהאַט — —
זיצט ער איצטער זאַט מיט יאָרן
קעגן מיר אין סענט אַגאַט.

קוק איך צו זיין מידן פּנים,
הער זיין שטימע — אַלט און מיד;
ביז דער מערב צינדט זיך אָנעט
מיט אַ שקיעה — רויט צעגלית.

— 26 —

ווידער שטאָט. אַ האַרבסט אַ נייער.
כ׳וואוין אַצינד שוין זאַלבעצווייט:
מיט מיין פריינדין מיין געטרייער
(סיי אין אומעט, סיי אין פרייד).

דאַרף מען דאָך פּאַרדינען מערער:
מ׳איז אַצינדער צוויי פּערזאָן;
וועל איך גאָר אַ לערער ווערן;
האָב אַמאָל שוין עס געטאָן:

אויף אוקראַינע — פול מיט שפע
(ווייט פון ליטע — מאָגער, גרוי);
האָב געקנעלט דאָרט אין אַ דערפל;
אַ מלמד — יונג אַזוי;

אַ מלמד — נאָך אַ יינגל
(שוין פֿאַרוואָגלט אינדערפֿרעמד).
האָב איך דאָרט געקנעלט, געצינגלט
מיט תּלמידים — פֿויל און טעמפּ.

אלף־בית מיט דריי „געטייטלט"
און תּנ"ך „געשטופּט" אין פֿיר;
נאָר דאָס „שטופּן" און דאָס „טייטלען"
זייער שווער געווען איז מיר.

נאָכדעם האָב איך אויך אין רייסן —
אין אַ דערפֿעלע — געקנעלט
(מיט תּלמידים — פֿלינק — און פֿלייסיק;
האָב פֿון זיי דאָרט אָנגעקוועלט).

וועל איך ווידער לערער ווערן,
„שטונדן" געבן דאָ און דאָרט —
בין איך שוין „פּריוואַטער לערער",
גיי און פֿאָר פֿון אָרט צו אָרט.

— 27 —

הינגסטאָן, פּרודהאָם, גרין און קלערמאָנט,
גאַסן פֿיר פֿון וועסטמאָנט — רייך,
מיט תּלמידים בײַ אײַך לערנען
יעדן טאָג איך פֿאָר צו אײַך!

זענען טאַטעס פֿון תּלמידים
פֿאַבריקאַנטן — „אָנגעשטאָפּט";
און די מאַמעס, די נגידות —
אין די קינדער רק מע שטאָפּט.

האָבן קינדער פולע באַקן,
האָבן קינדער פוסטע קעפּ;
העלפט מיר קנאַפּ אין זיי דאָס „האַקן"
(בלויז מיט ווערטער, אָן שום קלעפּ).

האַסן זיי אַ בוך, אַ ספר,
קוקן זיי צו מיר, מיט האַס:
ס׳רייסט זיי אָפּ מיין לערער־אייפער
פונעם פוטבאָל אויף דער גאַס.

„טייטל" איך מיט איזי׳ן סידור,
מינטער אים: נו, זאָג־זשע, זון!
דרייט ער ביז די ווערטער איבער:
אַני מאמין — האָנימון.

לערן איך מיט אייבי׳ן חומש,
„זעץ" אין אים אַ פסוק — שווער;
וויל ער, עס זאָל זיין שוין זומער, —
וועט ער דאַן ניט לערנען מער.

לייען איך אַ מעשה הערי׳ן —
פון אַ יידיש־ביכל — פיין;
וואַרפט ער זיך און — וויל ניט הערן:
— יידיש — זאָגט ער — האָט ער פיינט.

איז שוין דעני היפּש דערוואַקסן
(ניט אין הייך נאָר — אויך אין ברייט);
גרייכט דעם טאַטן ביזן אַקסל,
איז שוין צו בר־מצווה גרייט;

ווייזט ער איינמאָל טאַטע־מאַמען,
אַז ער, דעני, „קען און קען":
אָטאָ איז אַ הא, אַ למד,
אָטאָ איז אַ יוד, אַ מם.

— 28 —

גייען ווינטערס, קומען פרילינגס,
אָט איז ווייס און — אָט שוין גרין;
„שטונדן" מיינע זענען ביליק,
קנעלן מיינער — גאָר ניט גרינג.

„פרייען" מיר זיך אין אַ שטיבל —
ענג און פינצטער — אַ קאַטוך;
פעלט אָפּט אויס אַ ברויט, אַ ציבל,
פעלט אָפּט אויס אַ העמד, אַ שוך.

און די צייטן זענען האַרבע:
שעפּער צענדליקער — פאַרמאַכט;
זיצן מענטשן אָן שום אַרבעט,
הונגעריקע, אָפּגעשוואַכט.

ציען זיך שוין לאַנגע רייען:
מ'טיילט אין קיכן זופּ אומזיסט;
זעט מען מענטשן אין די רייען —
פול מיט יאוש און מיט וויסט.

הערשט אַ קריזיס אינעם לאַנד דאָ,
הערשט ער אינעם שכנ'ס לאַנד;
טוט זיין דאַרע האַנט דערלאַנגען
ביזן ווייטסטן ערדן־ראַנד.

טראַכט איך אָפט פון היים פון ווייטער:
דאָרטן איז דאָך שלימער נאָך.
און אַלץ ערגער ווערן צייטן;
גאָרע וועלט — ביים ראַנד פון בראָך.

אָט האָט דייטשלאַנד זיך צע'חיה'ט —
גרייט פאַר יידן רויב און מאָרד;
גרייט פאַר גאָרער וועלט לוויות,
גרייט חיילות — האָרד נאָך האָרד;

גרייט אַ קריג אַ נייעם — גרוילִיק,
גרייט אַ נאַכט פון מעסער־לאַנג;
וועלט ווערט פול מיט ברוינע קוילער,
וועלט ווערט פול מיט שוואַרצן וואַן.

זאָרג איך זיך פאַר היים אין ליטע:
העלפן זי דאָרט ווען איך קען;
איז מיר גופא שלעכט און ביטער;
זענען קורץ דאָ מיינע הענט.

— 29 —

קומען געסט אַהער דערווייל:
דיכטער יידישע — באַקאַנט:
לעקציעס האַלטן, סתם פאַרווײלן
אינעם היגן קאַלטן לאַנד.

איז אַהערצו ענדע זומער
פון מיין צווייטן היגן יאָר
משה לייב — אַ דיכטער — ברומיק —*)
אָנגעקומען פון ניו יאָרק.

---

*) משה לייב האַלפּערן.

משה לייב. אים נאָך געלעזן
זייענדיק אין רוסלאַנד — רויט;
פון זיין ליד געווען באַזעסן:
„הויקער דו" . . . געדענק דעם טויט...**)

זע איך איצט אים אין קאַנאַדע
מיט אַ קאָפּ — אינגאַנצן גרוי
(נאָר דער גוף — אַ שלאַנקער, גראַדער
און די אויגן — בלוי אַזוי).

טו איך מיט אים אומשפּאַצירן
אויף סענט קעטרין — הין און קריק;
פיר אַ שמועס וועגן שירה,
זון דערבײַ זוך אין זיין בליק . . .

זיץ מיט אים אין אַ קאַפּע דאָ,
שפּיגל זיך אין זיין געזיכט;
קוויק זיך מיט זיין וואָרט זיין יעדן
און — איך זינג דערבײַ אין זיך:

„הויקער דו אויף מיין נשמה,
אומעט אין לבנה-שיין;
גוט איז מיר אַזוי אויף אייביק
אַ פאַרפאַלענער צו זיין".

משה לייב. „מעמענטאָ מאָרי".
ס'איז דיין לעצטער יאָר געווען.
דורך די ווייטערדיקע יאָרן
כ'האָב דיך מער שוין נים געזען.

**) מעמענטאָ מאָרי".

קומט אַהער אַ צווייטער דיכטער
אַ ניו יאָרקער — מאַני לייב;
ניט קיין ברומענדיקער דיכטער,
ניט קיין לייב, ווי משה לייב;

נאָר „אַ הירש גאָר" — צאַרט אַזוי־אָ,
מיט אַ „פּייפל" — העל און דין.
מאַני לייב! משורר בלויער,
מיט די אויגן — אַגרעס־גרין;

הויך אין וואוקס, נאָר שוין געבויגן
און דער קאָפּ — באַזילבערט שוין;
אויפן קאָפּ דיינעם — געבויגן —
זיצט נאָך פעסט אַ קעניג־קרוין.

שטאָלצער קעניג פון די „יונגע"
(„ריטער פון געבענקטן בלוי");
אַליך נאָך שיינקייט אויסגעהונגערט,
אַליך נאָך פול מיט לידער־טוי.

האָב איך דאַן מיט דיר פאַרבראַכט דאָ
שעה'ן — פול מיט וואָרט און שיר;
און אויך איצט, בייטאָג, ביינאַכט דאָ,
העלט אָפּט אויף אַ פערז אין מיר:

„אין דער יאָד פון גרויער קליינקייט
צו דעם מינדסטן בין איך גלייך,
נאָר אין ליידן פאַר דער שיינקייט
בין איך אויסגעטיילט פון אייך".

פריינדין מיינע טרייע, ליבע,
גרייט אַ גוטן מיטאָק היינט:
ס׳קומט צו אונדז אַ גאַסט אַ ליבער,
איינס דעם זייגער וועט ער זיין.

ליוויק, ליבסטע, איז זיין נאָמען,
ס׳איז זיין דיכטונג איבערפול
מיט סיבירער פיינען — תהומיק,
מיט דער פיין אין יעדן גבול.

ס׳איז זיין דיכטונג פול מיט טורמע,
פול מיט קייטן און רעוואָלט;
ס׳איז זיין ליד אַ גלאָק — צעאומרוט —
אינעם גאָרן „יאָמערטאָל“;

ס׳איז זיין ליד אַ רוף — צעפלאַמיקט —
צו אַ וועלט אָן בלוט, אָן צוואַנג;
ס׳איז זיין ליד — און אויך זיין דראַמע —
צו גאולה אַ געזאַנג.

— — — — — — — — — — — —

זיצט ער שוין ביי אונדז אין דירה
(איז אויך סיגאַל דאָ דערביי);
טוט מען לאַנג אַ שמועס פירן
וועגן מענטש — נאָך אַלץ ניט פריי;

וועגן תליות און עקדות,
וועגן קנעכט, וואָס הערשער ווערט;
אָטאָ איז מען ווידער עדות
פון געוואַלדטאַט אויף דער ערד . . .

זייך איך קעגן גאַסט — געהויבן
(מיט זיין אמת אָנגעגליט)
און איך זינג אין זיך גאָר גלויביק
שורות פיר פון זיינס אַ ליד:

„מענטש געגאַרטער, ריינער, גאַנצער,
אויסגעלייטערט אין מיין פרייד! —
'דו מיין פעסטונג און מיין פּאַנצער'
זאָג איך נאָך בן ישי'ס רייד".

— 32 —

קומט אַראָפּ אין איין אַ זומער
(בין געווען דאַן אין די בערג)
יוסף ראָלניק — דיכטער פרומער,
מיט אַ שטעקן — גראָב און שווער;

מיט אַ פּאָר געדיכטע וואָנצעס,
מיט אַ פּנים — אָנגעיאָרט;
אין אַן אָרעמלעכן אָנטאָן
(נאָר אַ זויבערן ביז גאָר).

ווילט ער, מיט זיין פרוי אינאיינעם,
ביי די מאַזעס און ביי אונדז;
פרייט זיך מיט די בערג די שיינע,
קוויקט זיך מיט דער זומערזון;

מיט דער ערד — אין גרין פון זומער,
מיט דער רחבות, מיט דער פריי;
שפּאַנען מיר דאָ אָפט אַרומעט
און מיר שמועסן דערביי

װעגן הי און ליטע װײַטער
(אונדזער בײדנס אַלטע הײם).
יוסף ראָלניק. פֿול מיט צײַטן —
אַזױ יונג נאָך, אַזױ שײן.

יוסף ראָלניק. גאָר באַזונדערס
איז ער מיר — פֿונלאַנגשױן — נאָנט;
האָב אין קאָװנע נאָך באַװאונדערט
זײַן בצימצום׳דיקן װאָרט.

האָב אים דאָרטן אָפֿט געלײענט,
אָנגעקװאַלט זיך מיט זײַן ליד, —
פֿול מיט װינטערדיקע שנײען,
אָסיען־װעלק און פֿרילינג־צװיט;

פֿול מיט זומערדיקן קאָרן,
פֿול מיט רױש פֿון „װאַסער־ראָד״;
פֿול מיט פּאַסטאָראַלע יאָרן . . .
פֿול מיט בענקשאַפֿט און — מיט גאָט . . .

שפּאַנען מיר אַצינד אַרומעט
איבער דעם קאַנאַדער גרונט
און אין האַרץ אין מײַנעם זשומען
שורות זײַנע — װײך און פֿרום:

„לערן זיך פֿון דער לבֿנה
גײן דורך גאַסן שטילערהײט,
זאָל מען דײַנע טריט ניט הערן,
ניט פֿאַרנעמען דײַנע רײד״.

קייטלען טעג זיך, גייען יאָרן,
מיט דער וועלט איז שטאַרק ניט גוט:
אַביסיניע — פול מיט קברים,
שפּאַניע — פול מיט טייכן בלוט;

און פון דייטשלאַנד רויכערט ,פייערט
אַזאַ שנאה צו דעם ייד,
אַז אויך דאָ, אין לאַנד אין פרייעם,
נעמט זי ברייען מיינע טריט.

און דערווייַלע דריקן, קלעמען
נויטן, זאָרגן אַלערליי;
שלים איז מיטן ביסל קמח,
מיט דער דירה — אוי און וויי;

פונעם שרייבן האָב איך ווייניק
(און די „שטונדן" — שוין ניטאָ);
פעלט אָפּט אוים אין שטוב אין קלײנער
עסן — מאָגער — אויף אַ טאָג;

פעלן אָפּטמאָל לעצטע סענטן
אויף אַ ברויט — אַ וואָך שוין אַלט;
האַלט שוין אָפּט, איך זאָל זיך ווענדן
צו אַ „טשאַריטי"־אַנשטאַלט.

און אַ צולייג צו דעם אַלעם —
נעמט אַ קראַנקייט נאָגן מיך
(און איך זע אָפּט יענעם „מלאך" —
דעם „פיל אויגיקן" — פאַר זיך).

— — — — — — — — — — — —

גיב איך אָבער זיך ניט אונטער
(כ'בין דאָך יונג נאָך, פול מיט ברויז . . .)
שרייב איך ווייטער — הייטער, מונטער,
גיב אויך אַ זשורנאַל אַרויס —*)

פול מיט שאַפונגען מיט היגע,
סיי אין פּראָזע, סיי אין שיר
(שקאָלניקאָוו, אַ דיכטער היגער,
רעדאַגירט צוזאַם מיט מיר).

טוען מיר אינאײנעם הויבן
חשיבות פונעם יידיש־וואָרט;
ציען צו פאַרערער — גלויביק —
סיי פון דאָ און סיי פון דאָרט;

פירן דורך מיט זיי אינאײנעם
(כדי צו שטאַרקן דעם זשורנאַל)
אָוונטן געראָטן שיינע —
אין אַ הויז וואו, אין אַ זאַל.

נאָר די מחלה ווערט אַלץ בייזער,
דרינגט אין גוף אַלץ מער אַריין
(און איך זע ניט קיין דערלייזונג
פון איר עקבערדיקער פּיין).

ביז עס קומט אָן אַ פרימאָרגן
(פרילינגדיק, אין גריןנ, אין גאָלד),
ווען אַ טראַמוויי טוט מיך טראָגן
צו דעם יידישן שפּיטאָל.

---

*) „מאָנטרעאָל".

עקבּערדיקע קרענק און פּיינע,
„קרובים" מיינע פון אַמאָל,
כ'האָב מיט אייך זיך שוין „גע'תענוג'ט"
אין אַ רוסישן שפּיטאָל!

בּירגערקריג האָט דאַן געפלאַקערט
אויפן „זעקסטל" פון דער ערד;
גאָר זיין גרוים מיט בּלוט פאַראַקערט,
וויסט געזייט אויף וועג און פעלד;

וויסט און טויט — אין שטאָט, אין ישוב
(הונגעריקע, פול מיט פּעסט;
פול מיט הענגען און מיט שיסן,
פול מיט מערדערישע געסט):

„ווייסע", „שוואַרצע", „גרינע" בּאַנדעס —
פון דעניקין און מאכנאָ,
פון פּעטליורע און פון וורא[?]נגעל —
יעדן טאָג און יעדע שעה.

האָבּ איך דעמאָלט אומגעוואָגלט
אויף אוקראַינע — אין געשלעג;
פול מיט אימה, זיך געטראָגן
פון די כל המינים שלעק;

אַלץ געלאָפן פון די קוילער —
נאַקעט, בּאָרוועס, הונגעריק;
פול מיט פּחד פאַר די קוילן,
פאַר אַ שווערד און פאַר אַ שטריק.

ביז איך בין לסוף דערלאָפן
צו דער שטילער שטאָט ראָמען
און — פון טיפוס דאָרט געטראָפן —
זיך אין אַ שפיטאָל דערזען.

— — — — — — — — — — —

שטייט ער איצט פאַר מיינע אויגן:
אַ באַראַק, אין קעלט, אין קויט,
וואו — אויף שטרויזעק אויסגעצויגן —
ס'קעמפן קראַנקע קעגן טויט:

רוס און פאָליאַק און גרוזינער,
אוקראַאינער און קאַלמיק — —
און אַ ייד — מיט ווײַ פאַרכלינעט:
איך — גאָר יונג, מיט צאַנק אין בליק.

זענען מיר געלעגן דאָרטן,
אויף די שטרויזעק, ברודיק, הויל;
האָט מען אונדז געשפייזט אַדאָרטן
מיט קאַרטאָפל — דורכגעפוילט.

זענען דאָרטן אויסגעשטאָרבן
צענדליקער אַ יעדן טאָג;
האָט מען זיי אויפגיך באַגראָבן
אָן געוויין און אָן געקלאָג.

האָב איך אויבעט, לאַנגע וואָכן,
קעגן טויט געפירט אַ שטרייט;
ביז אַרויס מיט אַ נצחון,
זיך דערזען באַנייס אַ לייט.

בין איך איצט אויפּסניי אַ חולה,
ליג אויפּסניי אין אַ שפּיטאָל
(אין אַ הייל־אַנשטאַלט אַ וואוילן —
אינעם רייכן מאָנטרעאל).

ליג אַדאָרעט, ווי אַ קייסער,
אויף אַ בעט — אי ווייך, אי ווייס
(און מיין קאָפּ מיין ברעניק־הייסע
„קרוינט" אַ פּענכער — פול מיט אייז;

און אַ „דאַק" אַ שמייכלענדיקער
האַלט מיין דופּק אין זיין האַנט;
און אַ „נוירס" מיט באַקן דיקע
שטייט דערביי און קוקט און — וואַרט).

פּרואוו איך שפּאַסן מיטן דאָקטער,
זאָג אים, אַז איך „גיי אַ גאַנג";
לאַכט ער פון מיר און ער זאָגט מיר:
וועסט נאָך לעבן זייער לאַנג.

ציען זיך שפּיטאָל־מעת־לעתן,
גייען וואָכן אין שפּיטאָל;
כ'ליג אַליין פון דער קרענק „באַזעסן";
ס'האָט די מחלה שטאַרק מיך האָלד;

וויל זיך גאָר מיט מיר ניט שיידן,
לאָזט ניט אָפּ אויף אַ מינוט;
ליגן מיר „פּאַרטוליעט" ביידע,
איז אונדז ביידן „ביז גאָר גוט".

ליג איך אָפּעט לאַנגע וואָכן
מיט חולאים אַרום זיך;
מאַטערט זיך לעם מיר אַ שכן
מיט אַ קאָפּ — אײנגאַנצן פּליך.

טוט מען אים דאָ „גאַנדרי" רופן —
זעט ווי גאַנדרי היפּשלעך אויס:
דינער פּנים, דאַרער גופ'ל
און אַ שטערן — בולט, גרויס.

איז ער שטום, אָ־דער־אָ „גאַנדרי",
שטום און טויב און — מיט אַ ראַק;
שווייגט ער אָפּעט וואָכן לאַנגע —
שטיל געפרעסן פונעם ראַק.

ליגט לעם מיר, פון זייט פון צווייטער,
נאָך אַ חולה, — מיסטער באַך;
רויכערט אַ ציגאַר כסדר,
סיי בייטאָג און ביינאַכט;

פּלאָגט זיך ביטער מיטן מאָגן,
פּיינט זיך מיט די נירן — שווער;
וויל ער אָבער זיך ניט זאָרגן;
ס'איז דאָס אַלץ אַ שפּיי ניט ווערט.

סײַווי האָט ער, אָ־דער חולה,
קיינעם ניט אויף גאָרער ערד;
שטעקט אַלץ אַ ציגאַר אין מויל אים;
שיקט ער אַלצדינג אין דער ערד.

ליגט אַדאָ אַ דריטער קראַנקער —
אַלט און קנייטשיק : מיסטער לאַנג ;
פּלאָנטערט שוין מיט די געדאַנקען,
ליידט פון צוקער יאָרנלאַנג ;

האָט אַ פוס שוין אָנגעוואָרן
פון דער צוקערדיקער קרענק ;
און אַצינדער בלינד געוואָרן
פון דער זעלבער „זיסער" קרענק.

— 37 —

קייטלען זיך שפּיטאָל־מעת־לעתן,
גייען וואָכן אין שפּיטאָל ;
האָט מען מיך שוין אויך „צום מעסער"
דאָ גענומען — ניט איין מאָל ;

אָפּערירט פיל מאָל געוואָרן
(און אַהיים שוין אָפּגעשיקט);
נאָר געזונט בין ניט געוואָרן
און — געקומען אויף צוריק.

איין מאָל, צוויי מאָל און — אַ דריטן,
פיר מאָל, זעקס מאָל, אַכט און — צען — — —
ליג איך אויפדאָסניי צעשניטן
(און אין ווייטיק איינגעפּענט).

און באַנייעס מיט חולאים
זע זיך אָנעט — אַלט און יונג ;
סיי אין טעג — פאַרהילט אין גרויען,
סיי אין טעג — צעהעלט מיט זון ;

סײ אין אויפגעגרינטן פרילינג,
סײ אין אָפּגעגעלטן האַרבסט;
הער זיך אָן מיט קרעכצן שטילע:
אוי, מײן מוח! אוי, מײן האַרץ!

און איך גופא „קרעכצע אונטער" —
אינדערשטיל און אויפן קול — —
האָב איך דאָ־דאָרט, ניט געזונט אַליך,
אָפּגעפּלאָגט זיך צוועלף מאָל,

— 38 —

פּאַפּינאָ — אַ שטילע געגנט
אין צעדרוישטן מאָנטרעאַל;
לעבן זיך אין אָ־דער געגנט
ייִדן אַ גאַנץ גרויסע צאָל,

װי אין ליטע, װי אין פּױלן
(אין אַ שטעטל — אָרעם, קלײן);
לעבט זיך דאָ דער ייִדן־עולם,
װי אַמאָל, אין אַלטער הײם;

פירט זיך שטעטלדיק, אַלטמאָדיש,
אָן געיאָג און אָן גערויש.
װאוין איך מיט מײן פרוי אַדאָרעט
אין אַ זײטיק-שטילן הויז.

ס'האָט אַ פרײנט עס אונדז געראָטן:
לופט אין פּאַפּינאָ איז פריש;
װעל איך, גוט נאָך אויסגעמאַטערט,
שטעלן זיך דאָ אויף די פיס.

— — — — — — — — — — —

גייען פּאַפּינאָ־מעת־לעתן,
בעסער איך זיך אין געזונט;
טו מער שלאָפן, טו מער עסן,
ווייל זיך מערער אויף דער זון.

שפּאַן אַרומעט לאַנגע שעה'ן
איבער גאַסן — שטיל־פּאַרקלערט;
פרילינג איז אַרוים אַ בלאָער
אַ צעגרינטע, יונגע ערד.

און ניט־ווייט איז שוין די ענדע
פונעם כרך — מיט זיין געבּרום;
זעט מען דאָרטן לאַנגע, פעלדער —
אָנגעגראָזט און אָנגעבלומט.

גיי איך אויך אַהין שפּאַצירן
(אין אַ ים פון יונגן גרין);
שעפּ זיך אָן מיט פייגל־שירה,
זופּ זיך אָן מיט זשום פון בין.

שטייט אין פעלד אַ דעמב אַן אַלטער —
(מיט אַ יונגער גרין באַקרוינט);
שטייט מיט זונגאָלד אַ באַשטראַלטער,
שטייט באַדאַכט מיט בלויעם רוים;

גיי איך צו צו אים גאָר פריידיק,
שטעל זיך אין זיין שאָטן — גרוי
און מיר טיילן זיך דאָרט ביידע
מיטן גאָלד און גרין און בלוי.

— 39 —

לעבט אין פּאַפּינאָ אַ זקנה
(וואוינט שוין דאָרטן יאָרנלאַנג) —
טוט זי שילטן אירע שכנים,
שיט מיט קללות נאָכאַנאַנד.

האָבן אָ־די שכנים מורא
פֿאַר די קללות אירע — ווייסט;
בעטן זיי זי, פֿול מיט מורא,
מער ניט שילטן זיי — אומזיסט . . .

(גלויבן, אַז די קללות אירע
קענען טאַקע טרעפֿן זיי;
צום בית עלמין זיי דערפֿירן,
צו אַ גרוב דאָרט — אוי און וויי).

פּרוּאווט מען זי אַליין „אונטערקויפֿן“ —
מיט אַ בגד, מיט געשיר;
מ׳קען פֿון איר דאָך ניט אַנטלויפֿן,
מ׳האָט דאָ הייזער נעבן איר.

און אַ שכן איינער אירער
(אַבערגלויבעריש ביז גאָר)
צאָלט איר פֿאַר ניט שילטן „שכירות“:
פֿופֿציק דאָלער יעדן יאָר.

— 40 —

אויפֿדאָסניי אין די לאָרענשאָנס,
ניט אויף קורץ — אויף זיין שוין דאָרט
סיי אין זומער און געבענטשטן,
סיי אין יעדער צייט פֿון יאָר.

כ׳דאַרף אין שטאָט אַצינד ניט בלייבן:
כ׳האָב אין שטאָט קיין „שטונדן" מער
(און פאַרדינען פון מיין שרייבן —
קען איך טאָן עס אין די בערג).

זיצן מיר איצט אויף אַ פאַרם
לעם אַ שטעטל — מאָנט ראָלאַנד;
גרינט אַ זומער — זוניק, וואַרעם;
איז אונדז וואויל דאָ — זאַלבענאַנד.

שרייב איך אויפן פאַרם פראָזע
(דרוק אין „אָדלער" יעדע וואָך);
שרייב איך שירה — וועגן גראָזן,
וועגןביימער, זאַנגען, מאָך — —

טיפן זיך אַרום אונדז נידערם,
הויכן בערג זיך אַרום אונדז;
ווערן אַלע מיינע גלידער
פול מיט זומער און מיט זון.

איז אַ טייך ניט־ווייט פאַראַנען
(מיט אַ שיפל ביי דעם ברעג);
טוען מיר צום וואַסער שפאַנען,
שיפלען אָפט זיך ווייט אַוועק

צו אַן אָרט אין טייך אַ טיפן —
פול מיט פישן אַלערליי;
זיצן מיר זיך אינעם שיפל
און, מיט ווענטקעס, פאַנגען זיי.

קאָכן מיר אָ־דיי־אָ דגים,
עסן אָן זיך ביזקל זעט ;
„דעקן" היפשלעך מיט די דגים
אונדזער מאָגערן בודזשעט.

— 41 —

איז אַוועק אויך יענער זומער —
אין קאָלירן אויסגעצאַנקט ;
גרויט אַ נײַער האַרבסט — פאַראומערט ;
הערט מען ווידער קראָען־קלאַנג :

אָנזאָג אויף אַ נייעם ווינטער —
לאַנג און שנייאיק, פראָסטיק־שווער — — —
נעמט אַ שווייגן פון אַ צווינטער
זיך צעראָלן אויף דער ערד.

פאָרן מיר אַריבערביידע
ווינטערן אין סענט אַגאַט ;
פאַלט שוין אַ געדיכטער שניי דאָ,
לייגט זיך אויף די גאַסן גלאַט ;

קלעמט אַרומעט אַלע הייזער
(בלענדיק־ווייס און באַרגיק־הויך) ;
הייצט מען שוין אין אַלע הייזער ;
שטייגט פון קוימענס דיקער רויך.

וואוינען מיר דאָ אין אַ שטיבל —
אָנאַזייטיק ,שטיל אַזוי ;
טו איך שרייבן אינם שטיבל
אַ נאָוועלע — „איבערבוי":

פונעם לעבן פון חלוצים
אין דער ליטע — לאַנג צוריק
(האָב דאָרט אָנגעפירט מיט קבוצות,
אומגעשפּאַנט דאָרט הין און קריק

פון איין קבוצה אין אַ צווייטער,
מיט אַ הויכן טרוים באַהעלט;
און באַזאָרגט, אַ תמיד גרייטער,
וואו עס האָט נאָר וואָס געפעלט).

איז מיר דאָס חלוצים־לעבן
אין דער ליטע גוט באַקאַנט;
שרייב איך איצט פון אָ־דעם לעבן
אַ נאָוועלע ,אַ ראָמאַן.

— 42 —

האַלטן מיר אינמיטן ווינטער,
אין די סאַמע שטרענגע טעג, —
קומט מאַניעוויטש מאָלן בילדער
אין די ווייס־געהילטע בערג.

טוט ער גאָר אָפּט אונדז באַזוכן,
זיצן מיר און טרינקען טיי
(און אינדרויסן זאַווערוכעס,
און אינדרויסן — פראָסט און שניי).

פירן מיר אַ לאַנגן שמועס —
וועגן דיכטונג, מאָלעריי
(און דער דרויסן טוט ניט רוען:
פייפט און וואָיעט — הפקר־פריי).

גייט אַוועק אַ שעה, אַ צווייטע,
קומט אָן אָוונט — פֿול מיט קעלט;
גייען מיר דעם גאַסט באַגלייטן:
וואוינט ניט־ווייט אין אַ האָטעל.

— 43 —

גייט מאַניעוויטש איינמאָל מאָלן
צו דעם סענט אַגאַטער לעיק;
שטייט ער מונטער ביי זיין מאָלברעט —
אויף אַ לייוונט פאַרבן לייגט;

מאָלט אַן אַלטע וואַנט — געבויגן
(פֿון אַ לאַנג פאַרלאָזטן שטאַל);
מאָלט מיט יונגשאַפֿט אין די אויגן,
מיט אַ פּנים — אויפגעשטראַלט.

און אינדרויסן ברענט אַ קרירה
(כאָטש אינהויך אַ זון עס העלט);
נעמען פרירן די קאָלירן
אויפן לייוונט — פון דער קעלט.

קומט ער נאָכדעם מיט זיין שאַפונג
אויף אַ גלעזל טיי צו אונדז;
הענגט זי אויפעט, אָ־די שאַפונג,
אויף אַ וואַנט, אַנקעגן זון.

און אין שטיבל פלאַמט אַן אויוון —
איז אַרום אונדז היפשלעך היים;
„שוויצן" דאָ די פענצטער־שויבן,
טראָפנט פון די ווענט אַ „שוויים".

נעמט די קרירה אויבעט „לאָזן"
אויפֿן בילד — געדיכט באַשמירט;
ווערט דער לייוונט אויפֿגעבלאָזן
און צעטריפֿט זיך — פֿול קאָליר.

טריפֿט פֿון בילד אויף ערד אַרונטער,
ווערט דאָס בילד אַלץ מער צעשמירט;
שטעלן מיר אַ טאָפּ שוין אונטער
פֿאַר די טראָפּנס — פֿול קאָליר.

— 44 —

טייערער מאַניעוויטש מיינער —
לאַנגשוין אויף דער „אמת־וועלט";
כ'האָב מיט דיר פֿיל שעה'ן פֿיינע
דאַן פֿאַרבראַכט אין „דיין" האָטעל;

און ביי אונדז, אין קליינעם שטיבל,
און בכלל אין סענט אַגאַט;
סיי אין טעג אין טונקל־טריבע,
סיי אין טעג — מיט זונליכט זאַט.

ביסט דאַן אין די בערג געזעסן
ווינטער, פֿרילינג, זומער, האַרבסט
און מיט גאָר דיין קינסטלער־וועזן
אַלץ געמאָלט — מיט קאָפּ, מיט האַרץ:

ווענט פֿון חורבה'דיקע שטאַלן
שטיבלעך — איינגעבויגן, אַלט;
אָנגעהעלט זיי, אָנגעשטראַליקט
מיטן סוד פֿון דיין טאַלאַנט.

און אין שעה'ן, פריי פון מאָלן,
אָפּט מיט אונדז אַרומשפּאַצירט;
אויסגעמאָסטן בערג און טאָלן
זומערצייט — מיט גרין באַצירט;

דורכגעשניטן פעלדער־גרונטן
ווינטערצייט — אין שניי, אין פראָסט;
מיט קאָליר זיך אָנגעטרונקען
אָסיענצייט — אין וועלק, אין ראָסט;

און געשמועסט ,און געזונגען,
און גע'חלומ'ט, — זאַלבעדריט;
שעה'ן ווייטע, גרינגע ,יונגע —
פול מיט פרילינגדיקן צוויט . . .

האָב איך נאָכדעם, דריי יאָר שפּעטער,
אין די קריג־צעבּרענטע טעג,
לייענענדיק אין די בּלעטער,
אַז אויך דו בּיסט שוין „אַוועק";

דיר לזכר אויפגעשריבּן —
פול באַדויער — איינס אַ ליד;
און אַצינד, מאַניעוויטש ליבּער,
בּרענג איך דאָרערט אָ־דאָס ליד:

„ג ע ט אָ"

אַריינגעבּליקט אין בּילד אין דיינעם
און — שוידערן האָט מיך גענומען:
איך האָב דערזען די נאָנטסטע מיינע
מיט געטאָ־ווענט אַרומגענומען;

איך האָב דערזען מיליאָנען יידן
אין לאַגערן, אין טויט־פאַבריקן
(און ס׳איז ניטאָ דאָרט פאַר אַ יידן
דיין צינג — מיט מילך אים צו דערקוויקן).

אַ יעדע שטאָט איז פול מיט שאָטנס,
אַ יעדער ישוב — פול מיט מתים;
אַ מאָס אַ ריכטיקע צי האָט ווער
צו מעסטן אונדזער בראָך דעם גרויסן?

וואו נעמען מוט צו איבערטראָגן,
וואו קריגן כוח אויף צו גלויבן,
אַז ס׳וועט אַמאָל נאָך זיך צעטאָגן
אין יענע שוואַרצע געטאָ־שויבן?

עס ווייטיקט האַרץ אויף דיין פאַרשווינדן,
געטרייער פריינט און קינסטלער טיפער;
נאָר ס׳טרעפן טעג — מקנא בין דיך,
וואָס שוין פאַרשוואומען איז דיין שיפל.

איך וואָלט, ווי דו, אַוועקגעשוואומען
פון אונדזער ערד מיט אירע גרוילן
צו אייביקייט צו בלינדער, שטומער,
צו הימלס עקסטע, קאַלטסטע הוילן.

— 45 —

זעגנט זיך מיט אונדז מאַניעוויטש —
קומט אַ צווייטער קינסטלער אָן;
ניט קיין מאָלער, קיין מאַניעוויטש, —
אַ פּאָעט — פון אויבנאָן;

אַ מאַגנאַט פון לשון יידיש:
משה נאַדיר — הויך און שלאַנק;
רייך מיט פּראָזע און מיט לידער,
מיט געפיל און מיט געדאַנק;

רייך מיט וויץ, מיט ווערטל — בלענדיק,
מיט סאַטירע — שאַרף געצילט;
פול מיט פּאָזע, פּראַנטיש, דענדיש;
פול מיט קידער־ווידער־שפּיל.

קומט ער אויבעט אונדז באַזוכן,
קומט אויך י. י. סיגאַל מיט;
טרינקט מען טיי, פאַרזוכט מען קוכן
און — אַ שמועס לאַנג זיך ציט.

שפּאַנען מיר דערנאָך אַרומעט
אינעם שטילן סענט אַגאַט;
בלויז אַ טאָג פול אָסיען־אומעט,
העלט אינהייך אַ זונראָד — מאַט;

שטייעןביימער אין קאָלירן,
קילט אַ ווינטל דאָס געזיכט;
טוען מיר לאַנג אומשפּאַצירן,
שמועסן און וויצלען זיך.

קוק איך צו דעם הויכן נאַדיר
ניט אָן קנאה אינעם בליק:
מיטן אויסזען אַזאַ אַדיר . . .
מיט יצירה אָנגעגליקט . . .

משה נאַדיר! ס'האָט דאָס לעבן
ליב געהאַט דיך ביזקל גאָר;
האָט מיט שפּע דיר געגעבן
גלאַנץ פון אויסזען, גאָלד פון וואָרט.

ביסטו אפשר צופיל זיכער
אומגעגאַנגען אויף דער ערד;
איז דיר אָפט געווען ניחא
אַ קאָלעגע בייז־טאָן שווער.

האָסטו הויטן אָפט געשונדן
מיט אַ חלפ'דיקער פּען;
האָסטו הערצער אָפט פאַרוואונדעט
מיט די שרייבערישע הענט.

נאָר דער טויט, ער איז מער גיבור
פונעם גרעסטן גבר און גביר;
האָט ער דעמאָלט, נאַדיר ליבער,
שוין פון נאָנט געלויגט אויף דיר.

— 46 —

קומט אינגיכן „מינכען" אָנעט.
קומט אָן היטלער־סטאַלין־פּאַקט;
טוט אַ כוואַליע קריג־סכנה,
גאָרע וועלט ביים גאָרגל פּאַקט.

פלייצן שוין גזלנים ברוינע
איבער פוילנס ברייט און לענג;
זייט שוין חורבן נאַצי־שונא,
רויבט און קוילעט, שיסט און הענגט.

און דער עיקר — ברידער מיינע —
אין אַ יעדן שטעטל, שטאָט;
ווערן יידן ווילד געפּייניקט
און — אין מאַסן אויסגעראָט.

נאָגט אין האַרצן און אין מוח:
איז עס טאַקע שוין די ענד?
ווערט אַלץ ווילדער נאַצי־כוח,
ווערט אַלץ גרעסער דער פאַרלענד.

— 47 —

פאָרן מיר צוריק אַריבער
אין צערוישטן מאָנטרעאַל;
אין די בערג, אין רו אין ליבער,
גייט אַצינד מיר נאָך דער קול

פון דער גרויליקער מלחמה;
גייט מיר נאָך אויף יעדן שפּאַן;
נאָגט דעם גוף און די נשמה,
זעגט דאָס האַרץ און דעם געדאַנק.

קען איך ניט די בערג פאַרליידן —
זייער שלווה, זייער רו;
ווילט זיך זיין מער צווישן לייטן —
אין דער שטאָט — מיט איר געברום.

האָבן מיר אַ קליינע וואוינונג
אויף דוראָשער, נעבן פיין;
דרינגען אָבער די געוויינען
אויך אין שטאָט אין מיר אַריין.

די געוויינען פון די אַלטע
דאָרט — געטראָפן פונעם קריג;
פונעם שוידער שווער באַפאַלן —
יונג און זקן, קינד און וויג.

הער איך אָפט זיי אין געטומל
פונעם האַוועדיקן כרך;
דריי איך זיך צעקלעמט אַרומעט
און פון דער מלחמה טראַכט:

אָטאָ ווערט זי אַליין מער פלאַמיק,
פלאַקערט שוין אין ליטע־לאַנד;
לעבט נאָך דאָרט מיין אַלטע מאַמע?
גרינט נאָך דאָרט מיין גאָרער שטאַם:

ברידער־שוועסטער מיט געזינדן?
פעטער־מומעס? קרובים פיל?
ס'ברענען זיי דאָך צינדער ווילדע!
ס'וואַרגן זיי דאָרט מערדער — ווילד!

— 48 —

מאַמע מיינע אַלטע, פרומע,
כ'האָב געהאָפט נאָך דיך צו זען:
אָדער כ'וועל צו דיר נאָך קומען,
אָדער כ'וועל דיך דאָרטן זען.

האָב געהאָפט אַליין: קומען וועט איר
אַ ל ע נאָך צו מיר אַהער
(און פאַרוואָרצלען זיך דאָ וועט איר,
גרינען אויף דער ה י ג ע ר ערד).

האָב געהאַפּט אַלץ. אָבער איצטער
איז שוין אפשר זייער שפּעט:
ס'איז איצטער אין ליטע פינצטער,
ס'הערשט אַדאָרט אַ ברוינער שד;

טוט אויף מאַסן־קברים טרעטן
מיט גע'חוזק, מיט געשפּאָט;
שפּייט אויף אַלע צען געבאָטן,
לאַכט זיך אויס פון יידן־גאָט.

— 49 —

מאַמע מיינע! כ'דריי זיך אום דאָ
מיט ענויים אָנגעקוואַלט;
ס'איז אין זונשיין אָפט מיר סומנע,
ס'איז אין זומער אָפט מיר קאַלט;

ס'פרייט ניט מערער העל פון אָסיען,
ס'הייטערט מער ניט ווינטער־ווייס;
כ'ווער מיט נאַכט איצט אָנגעגאָסן
יעדן טאָג דאָ פון די נייס

אין דער ראַדיאָ, אין דער צייטונג:
מ'טרייבט דאָרט יידן, ריי נאָך ריי,
צו די גאַזן, צו די שייטערס,
צו דעם אַשיקן צעוויי.

זע איך אָפט דיך, מאַמע מיינע,
אין אַ ריי אַזאַ מין לאַנג;
אַלט און שוואַך און אויסגעפּייניקט,
שלעפּסטו זיך צו דיין פאַרגאַנג;

דו און אַלע דײַנע קינדער —
מיט אַ יעדנס הויזגעזינד
(שטרענג באַוואַכט פון בייזע שינדער,
שטרענג באַגלייט פון בייזע הינט).

און די היים, ניטאָ זי מערער,
אָפּגעווישט שוין פון דער ערד;
און אין וועלט אין גרויסער, גאָרער, —
איך אַליין נאָר — קיינער מער;

וואַך איך אָפּט דאָ, מאַמע מיינע,
גאַנצע נעכט — אין ווינט, אין ווינט;
און איך זע זיך, מאַמע, מיינע,
אויפּדראָסניי אַדאָרט, אַ קינד.

צווייטער טייל

— 1 —

כ'זע זיך ווידער דריי־פיר יאָריק,
אין דער גרינער קאָוונע־שטאָט;
אין אַ דירה — טונקל, אָרעם,
ביי אַ טאַטן — רייך מיט גאָט.

ס'איז דער טאַטע ראש ישיבה,
ס'איז דער טאַטע חסיד־פרום;
זיצט ער טעג אָפּ אין ישיבה,
לערנט אַלץ, גמרא זשומט;

און ביינאַכט, אין היים אין גרויער,
וואַכט ער אָפּעט שעה'ן־לאַנג
ביי אַ תהילים, ביי אַ זוהר,
ביי אַ תיקון חצות — גאָר לאַנג.

— — — — — — — — — — — —

גיי איך שוין צו פינף אין חדר —
קליין אַזוי־אָ, בלייך און דין;
וויג זיך מיט אַ קינדער־עדה,
זאָג אין סידור, חומש זינג.

און צו זיבן, מיטן טאַטן,
אין ישיבה זיץ איך שוין;
וויג זיך אומעט היים צעפלאַטערט
איבער אַ גמרא שוין.

— 2 —

נאָר דער קאָפּ איז אָפּט אינדרויסן:
אין דער אַלטשטאָט — רוישיק, ענג,
אינעם יאַטקע־געסל — רוישיק,
אויפן פישמאַרק — פול געדרענג;

בײ דעם ניעמאַן און ווילִיע —
קאָוונער טײַכן ברײטע צווײ;
ס'ווילט זיך אָפּט מיר אַ נסיעה
מאַכן וואו צוזאַם מיט זײ;

ס'ווילט זיך אָפּט מיר אַ שפּאַציר־טאָן
צו ניט־ווײַטע, הויכע בערג
(זומערצײַט — מיט גראָז באַצירטע,
ווינטערצײַט — מיט שנײ באַשווערט).

ס'קומען אָ־די בערג די שײנע
אין ישיבה אָפּט צו מיר:
טוסט אַלץ לערנען, ייִנגל קלײנער,
פּטר'סט כּוח אָן אַ שיעור;

און בײַ אונדז עס העלט אַ זומער,
יאַגדעס וואַקסן זאַפּטיק, זיס;
פֿײגל פֿײפֿן, בינען זשומען,
ווינטלעך ווײען וואַרעם, פֿריש.

לאָז־זשע איבער די גמרא,
קום אַרויס פֿון ענגער שול;
ס'איז דער טאָג הײַנט אַזאַ קלאָרער,
ס'איז צעזוניקט אונדזער גבול;

וואַרט אויף דיר דאָ מאַרעוויאַנקע,
וואַרט אויף דיר דאָ אַלעקסאָט, —
אײַנגעטונקט אין זון אין בלאַנקער,
פֿריש צעגרינט אויף יעדן טראָט;

וואַרט אויף דיר דאָ וואַסילואוועקע,
מאַפּו'ס בּיידל אויף זיין שפּיץ.
קום־זשע גיכער, ס'איז דאָ לופטיק,
גראַם אַזוי־אָ איז דאָ איצט.

— 3 —

גיט דער טאַטע אויף מיר אַכטונג
היט מיין יעדן קער און ריר;
לאָזט ניט פונעם דרויסן טראַכטן:
ס'איז דער דרויסן ניט פאַר מיר;

ס'איז דער דרויסן פאַר די גויים,
פאַר די שקצים מיט די הינט;
ס'איז פאַר זיי אַ רוים אַ בּלויער,
ס'איז פאַר זיי אַ לאַן— צעגרינט;

ס'איז פאַר זיי אַ וואַלד, אַ וואַסער,
שטערן — גאָלדיק, זון — צעהעלט,
בּאַרג און טאָל — מיט טוי בּאַוואַשן,
קווייטן־ריח, פייגל־טרעל — —

און אַ ייד, אַלץ דאַוונען דאַרף ער,
תהילים זאָגן יעדן טאָג,
און זיין קאָפּ אין לערנען שאַרפן,
טאָן נאָר דאָס, וואָס גאָט עס זאָגט.

פאָלג איך טאַטן — זיץ די טעג אָפּ
אין דער ענגער פישער־קלויז,
דאַוון־לערן גאַנצע טעג דאָרט,
טו אַלץ מצוות — קליין און גרויס;

טו אַלץ ווייכן פון „עברות״ —
פון אַ שטיף־טאָן ,פון אַ לאַך ;
דין מיט לייב און זעל דעם בורא,
פאָלג נאָך ט אַ ט ן אויף זיין שליאַך.

— 4 —

גייט אַ וואָך אַוועק אַזוי־אָ,
קומט אַ שבת צו אונדז אָן ;
ווערט די היים די אָרעם־גרויע
אין אַ ווייסקייט אָנגעטאָן.

איז אַצינד איר יעדער קאַמער
פול מיט זילבער־ווייסן ליכט
(און די אויגן פון דער מאַמען
פינקלען, ווי די שבת־ליכט);

און דער טאַטע, איך און ברידער
שפּאַנען שוין מיט יאַטקע־גאַס
(יעדער איינער מיט אַ סידור)
דורך דער שטאָט — אָן יאָג, אָן רעש.

שטיל איז איצטער אויף די גאַסן,
רואיק שפּרייט זיך גאָרע שטאָט ;
שפּאַנען מיר דורך רו פון גאַסן
מיט געאיילטן ,פרומען טראָט.

טוען מיר די פיס אַלץ הויבן,
נענטערט זיך דער „גרינער באַרג״;
נעמען מיר אויף אים זיך הויבן —
אויף זיין רוקן, אויף זיין קאַרק.

אַט איז שוין די חסידים־שטיבל,
פול מיט יידן — אַלט און יונג;
אין געפּוצטע בגדים, שטווייל,
מיט געזיכטער — אויפגעזונט.

נעמען מיר זיך, פול מיט חשק,
צום קבלת שבת — שיין;
זאָגן־זינגען האַרציק אויסעט
יעדע תפילה — הייליק, ריין.

— 5 —

אַ־די שטיבל, וויפל שעה'ן
האָב איך דאָן פאַרבראַכט אין איר:
שבת'דיקע — ווייסע, בלאָע,
יום טוב'דיקע — העל געצירט.

אָטאָ קומט אויפסניי אָן פּסח,
דרויסן איז שוין פרילינגדיק,
קאָוונער טייכן ווידער רוישן,
קעפּ פון ביימער — קנאָספּעדיק;

און די היים — אַזוי־אָ זויבער —
שמעקט מיט מצה, מעד און ווייַן;
און דורך גלאַנציק־ריינע שויבן
זונט אַ לינדער טאָג אַריין.

און אין שטיבל — אַזאַ יום טוב,
רונדאַרום, פון ראַנד ביז ראַנד.
שטיי איך דאָ, אין נייעם אָנטאָן,
און איך דאַוון — פול מיט געזאַנג;

ניגון אויסעט מיט די חסידים
תפילות פאַר דער פסח-צייט.
גוט אַזוי־אָ איז אונדז, יידן,
פון מצרים זיך באַפרייט . . .

— — — — — — — — — — — — —

קומט שבועות וואַרעם־ליבער —
איינגעטונקט אין יונגן גרין;
צירט זיך אויך די חסידים־שטיבל
אין אַ יוגנטלעכן גרין.

דאַוון איך דאָ, זאָג אקדמות,
הער דאָ אויס מגילת רות
און איך טרוים דערביי — פאַרשטראָמיקט
פון אַמ־דער מגילת רות —

פון אַ צייט אַ ווייטער, שיינער,
אין אַ זון־צעשיינטן לאַנד,
אויף צעשמעקטע זאַנגען־פליינען —
פול מיט פויערשן געזאַנג . . .

— — — — — — — — — — — — —

קומט שוין אונטער ראש השנה,
קומט יום כיפור פאַרכטיק־פרום;
דאַוון איך דאָ מיט כוונה,
מיט דעם מחזור ביז גאַר פרום;

בין מכוון יעדע תפילה,
בין מכוון יעדן וואָרט;
פול מיט תשובה און מחילה,
„צי איך אונטער" אַלטן יאָר.

— — — — — — — — — — — — —

ווייזן זיך שוין טעג פון סוכות,
איז דער דרויסן אָפּט שוין קאַלט
(און די ערד איז אָפּט ניט טרוקן:
פונעם הימל רעגן פאַלט).

ליגט אויף אַלץ אַן אָסיען־אומעט,
גאַסן, הייזער — גרוי אַזוי;
שטיבל אָבער גרינט מיט זומער,
קוואַלט מיט פרילינגדיקן בלוי.

שמעקט דאָ איצט מיט אתרוג־לולב,
דופטעט דאָ מיט סוכה־סכך;
פראַוועט מען דאָ אַ הילולא
יעדן אָוונט, יעדע נאַכט.

— — — — — — — — — — — —

קומט לסוף אָן שמחת תורה —
איז דער דרויסן פול מיט צאַנק;
שטיבל אָבער גרינט מיט תורה,
גרינט מיט ניגון און מיט טאַנץ.

טאַנצט דאָ הויכער מענדל ראַסקין,
טאַנצט דאָ קורצינקער קאַרלין;
און רפאל, ביז גאָר האַסטיק,
דרייט זיך לאַנג — אַ שטורעמווינט.

„טאַנצן אונטער": יאָסל טרייבין,
גרשון שוחט, יודע קלאָץ;
טופּעט מיט די שטיוול זיינע
שמעון מערקל — שטאַרק צעהאָצט.

טאַנצט אַצינדער אויך מיין טאַטע
(ממש אינדערלופטן פליט);
טאַנץ איך אויכעט — הייס צעפלאַטערט;
טאַנצט די גאָרע שטיבל מיט.

— 6 —

גייען קינדערישע יאָרן,
כ'בין שוין עלטער, אַכט און ניין;
זיץ איך שוין ניט נאָר ביי ספרים —
קוק אויך אין אַ בוך אַריין;

טו עס פאַרזיכטיק, בשתיקה:
ס'איז מיין שוועסטערס אָ־דאָס בוך;
פול מיט רייצנדיקע גליקן:
אַ ראָמאַן, אַ ליבע-בוך.

פאָלג איך שוין דעם טאַטן קנאַפּער,
לערן שוין ניט אַזוי פיל
(און צומאָל דאָס דאַווענען כאַפּ אָפּ,
היפּער איבער ווערטער פיל).

האָב איך איצט אַ פריינטל איינעם
(מ'רופט אים „אַלטערקע פון סקלעפּ");
גיי איך אָפט מיט אים אינאיינעם
פון ישיבה וואו אַוועק:

אויפן „נאַבערעזש" דעם הויכן,
צו דעם חורבה'דיקן „שלאָס"
(פול מיט קראָפּעווע מיט הויכער,
פול מיט ווילד־געדיכטן גראָז);

אין „מיצקיעוויטש־טאָל" אין שטילן,
אויף די בערג אַרום דער שטאָט — —
דאָרטן טוען מיר זיך שפּילן
הפקר־פריי, אויף גאָט'ס בּאַראָט;

אָדער מעשׂיות זיך דערציילן —
פול מיט חלום און מיט וואָר:
פון גזלנים וואו אין היילן,
פון אַ צאַר — אַ וואָס־איך־קאָרט;

פון מכשפים, לצים, שדים,
גוטע יידן, ל"ו;
פון אַ גולם אויף אַ בוידעם
(שאַפונג פון אַ גרויסן רב) — —

איז דער טאַטע ניט צופרידן,
רעדט ער אָפּט אַריין אין מיר:
אַזאַ דרך — ניט פאַר יידן,
אַזאַ פירונג — ניט פאַר מיר;

מ'איז אין גלות און משיח
זאַמט זיך אַלץ, איז אַלץ נאָך ווייט;
איז ניט פיין צו זיין אַ „רוח",
שטיפן, פּטר'ן די צייט;

דאַרף מען מערער דאַוונען, לערנען,
דאַרף מען מערער דינען גאָט;
וועלן מיר לסוף דערהערן —
נענטער אַלץ — משיח'ס טראָט.

פּאָלג איך אָבער ניט ווי פריער,
ציט אינדרויסן אַלץ מיך מער;
צו דעם ניעמאַן און ווילִיע,
צו די טאָלן און די בערג;

צו דעם „פּלאַץ־פּאַראַד" דעם שיינעם,
צו דעם „גובערנאַטאָר־סאָד";
צו די ערטער אַלע שיינע
פון דער גרין־געהילטער שטאָט.

אַרט עס טאַטן מיינעם מער נאָך,
רעדט ער אַלץ אַריין אין מיר — —
ביז ער שיקט מיך אָפּעט לערנען
אין אַ שטעטל — ווילקאָמיר.

— 7 —

ווילקאָמיר. — אין אַ ישיבה
זיץ איך, לערן אויפּדאָסניי.
נאָר אויך אין אָ־דער ישיבה
חלום איך אָפט פון דער פריי.

שטרייטן אין מיר צוויי יצרים:
יצר הרע, יצר טוב;
אָטאָ פּאָלג איך פרומע ספרים,
אָטאָ בין איך צו זיי טויב.

אָט און — כ'בין אַ גרויסער מתמיד:
זופּ גמרא נאָכאַנאַנד;
אָט און — ס'ציט באַניים אין גאַס מיך —
אַזוי ליכטיק, אַזוי בלאַנק.

ווינטער בלאַנקט איצט אויף די גאַסן,
שנייען ליגן ציכטיק, ווייס;
און פון דעכער — זון־באַוואַשן —
הענגען לאַנגע צעפּלעך אייז;

און די לופט איז אַזאַ דינע —
פול מיט קרירה׳דיקן „ווייַן״;
ווילט זיך אָפּט מיר זיך פאַרכלינען
מיט אַ־דעם־אָ קאַלטן „ווייַן״.

האָב איך איצט אַ חבר — יונה
(איז, ווי איך, ישיבה׳ניק;
נאָר אַ הינער, טוט דאָ וואוינען
אין אַ געסל — קבצנ׳דיק).

שפּילן מיר זיך אָפּט אַרומעט
אין זיין געסל — שמאָל און קרום;
אין די געסלעך אין די קרומע
פון דער אָרעמקייט — אַרום.

טוען מיר זיך שליטלען, גליטשן
און באַשליקן איינגעהילט;
צוויי חברימ׳לעך — גאָר היציק,
צוויי ישיבה׳ניקעס — „ווילד״.

— — — — — — — — — — — —

עס איך איצט ביי פרעמדע טישן
(קליין אַזוי־אָ, דין און צאַרט);
טו פון זאַטע „טעג״ געניסן,
האָב אויך „טעג״ — אויף האַלב נאָך זאַט.

און קוואַרטיר האָב אין אַ קלייזל
שלאָף אַליין דאָ אויף אַ באַנק;
וועק זיך אויף אָפט פון אַ מייזל,
וואָס טוט גריזשען אין אַ וואַנט . . .

— — — — — — — — — — — —

שרייבט מיר טאַטע קורצע בריוולעך
(יעדע שורה — פרום צעגליט);
און ער ענדיקט אָ־די בריוולעך
מיט די ווערטער „זיי אַ ייד".

— 8 —

קום איך פון דער פרעמד צופאָרן,
ענדע ווינטער, קריק אַהיים;
קום אויף פסח־טעג צופאָרן
און — איך בלייב שוין אינדערהיים.

ווער אַדאָ באַניים באַיאָכיקט:
לערן אין סלאָבאָדקע שוין;
לערן אונטער דער השגחה
פון אַ ברודער — בחור שוין.

און אינדרויסן — נייער זומער,
גרין — די ביימער, גרין — די ערד;
נאָר אין מיר עס גרויט אַן אומעט,
אויף מיין האַרצן — אַזוי שווער:

פול מיט מוסר די ישיבה,
פול מיט זוכן זינד אין זיך;
פול מיט חשבון און מיט תשובה,
פול יום כיפור'שן געריכט . . .

זיץ איך אָפּ ביי דער גמרא
לאַנגע טעג — ביז מנחה־שעה ;
נאָכדעם, מיטן עולם גאָרן,
„זאָג" איך ווייטער — שעה נאָך שעה ;

ווייַן אויף מענטשנס קורצן קיום,
נישטיקן, מיט תאוות פול . . .
און נים־ווייט איז די ווילינע —
מיט זיך־באַדנדיקע פּול.

וואָלט איך גערן זיך געבאָדן,
לאַנג אין וואַסער אומגעשטיפּט ;
מוז איך זיך אָן אויפהער „באָדן"
אינם „ים התלמוד" — טיף ;

און דערצו נאָך — וויינען, קלאָגן
אויפן לעבן — פול מיט זינד ;
תהילים זאָגן — מוסר זאָגן, —
אַזש די אויגן ווערן בלינד . . .

ווערן טעג אַזוי פאַרלאָשן
צווישן די ישיבה־ווענט ;
וואָכן וואַקסן און חדשים — —
ביז צום זומער קומט אַן ענד.

— 9 —

פאָר איך קיין ליובאַוויטש לערנען
אויף אַ ווינטערדיקן זמן,
אין ישיבה דאָרטן לערנען ;
פאָר אַהינצו מיט אַ באַן.

בין איך שוין אין וועג געווען —
אומגעפֿאָרן — ניט איין מאָל;
אויף אַ פֿור פֿיל מאָל געזעסן,
אויף אַ דאַמפֿער ניט איין מאָל.

(בין אויף חתונות געפֿאָרן:
פֿון אַ פֿעטער, שוועסטערקינד;
מיט דער מאַמען אומגעפֿאָרן,
מיט נאָך וועם פֿון הויזגעזינד).

איצטער אָבער פֿאָר איך ווייט גאָר
און — אַליין — דורך ווילנע, מינסק,
דורך באָריסאָוו, אָרשע — ווייטער
(און אינדרויסן — רעגן, ווינט).

אָפֿיען גרויט אַצינד אינדרויסן,
הויל זיך וויקלען לאַן און פֿליין;
זיץ איך און איך קוק אַרויסעט
(אַזוי יונג נאָך, אַזוי קליין).

און — איך טראַכט אַלץ פֿונעם „דאָרטן" —
אין ליובאַוויטש — אַלץ נאָך ווייט:
וועל איך אין ישיבה דאָרטן
ווערן סוף־כּל־סוף אַ לייט? . . .

— — — — — — — — — — — —

קום איך ענדלעך אין קראַסנאָיע,
פֿאָר פֿון דאַנען מיט אַ בויד
(און דער הימל — אַלץ אַ גרויער —
„שיסט" אַלץ מיט אַ „רעגן־שרויט").

ציט זיך לאַנג אַ שליאַך אַ נאַסער,
קומט לסוף אַ שטעטל אָן, —
מיט אַ בלאָטע אויף די גאַסן,
מיט אַ קלויסטערשן גלין־גלאָן.

— 10 —

אין ליובאַוויטש. אין ישיבה.
ערשטע וואָכן. חשוון. קיל.
כ׳לערן דאָרטן אין אַ סביבה —
נסתר׳דיק אַרומגעהילט . . .

לערן דאָ אין די „חדרים" —
ביי דעם „וועטקער" — הויך און דאַר;
זופּ אַ גאַנצן טאָג גמרא,
פּלאָנטער אוים פּילפּולים — שאַרף.

און פּאַרנאַכט־צו קומט אַ „חוזר" —
תניא חזר׳ן מיט אונדז
(משה רופט מען אָ־דעם „חוזר",
איז אין תניא איינגעטונקט).

קנעלט ער מיט דער ערשטער כיתה:
קינדער ניין און צען יאָר אַלט;
פון אוקראַינע, פון דער ליטע,
פון אַ יעדן רוסלאַנד־קאַנט.

קנעלט ער מיט אונדז, טוט אַליין „זאָגן"
נאָך אַ האַלב שעה, נאָך אַ שעה — —
ביז מיר נעמען איילק יאָגן
צו אַ וועטשערע און — שלאָף.

— 11 —

גייען גייסטיקע מעת־לעתן —
נגלה'דיק און נסתר'דיק;
טו איך אויך אַדאָדערט עסן
„טעג" — סיי זאַט, סיי הונגעריק.

און קוואַרטיר איך האָב אַצינדער
ביי מיין טאַטנס אַ ידיד;
שלאָף ביי אים מיט נאָך צוויי קינדער
אין איין בעטל — זאַלבעדריט.

ווערט שוין דרויסן פול מיטווינטער
(פונעם הימל שניי עס פאַלט);
בלאָזן אָפטמאָל שאַרפע ווינטן —
אַזש אין מאַנטל איז מיר קאַלט.

אייל איך זיך אַ יעדן מאָרגן,
נאָכן דאַווגען, צו אַ „טאָג";
נאָכדעם טו איך ווייטער „זאָגן"
און — באַנייס צום „טאָג" איך יאָג:

אויף זאַרעטשיע, אויף כאַבלוקע,
אויף דער פעטערבורגער גאַס;
סיי ווען קעלטן בריען — טרוקן,
סיי ווען שנייען פאַלן — נאַס.

— 12 —

קומט אַ יום טוב — גאָר געהויבן;
יוד טית כסלו — פול מיט פרייד;
לויכטן אויפעט יעדנס אויגן,
איז אַ יעדערער שוין גרייט

צו אַ סעודה צו אַ גרויסער —
אויף אַ גאַנצער ווינטערנאַכט.
און דערווייל מע מאַכט אַ כוסה,
און דערווייל — מען שטיפט, מע לאַכט.

אומעטום: אין די „חדרים",
אינעם „מויער", „גרויסן זאַל".
אומעטום. ישיבה גאָרע —
פול מיט פריידיקן געוואַלד.

טאַנצט אַצינדער שלמה־חיים
אויף אַ טיש אָפּ זייער לאַנג;
מאַכט דערביי אָפּט אַ „לחיים"
(און אַרום אים — אַ געזאַנג).

טאַנצט אַצינדער בונעם „עובד"
אויף אַ צווייטן טיש מיט ברען;
ווערט ניט מיד גאָר, הערט ניט אויפעט
וואַרפן מיט די פיס און הענט.

„גיסן אין זיך" גרויסע, קליינע,
גים איך אויך אין זיך אַריין;
ווילט זיך מיר פון שמחה וויינען:
גוט איז אַ חב"דניק זיין . . .

— — — — — — — — — — — —

הויבט זיך אָן די גרויסע סעודה:
טישן לאַנגע — רייך פאַרשפרייט;
מאכלים הויכע גרודעס,
בראַנפן ווייסער, וויינען — רויט.

זיצט מען ביי די פולע טישן
בגילופין שוין פונלאַנג;
ווערן זופּן, פליישן ,פישן
„דורכגעפלאָכטן" מיט געזאַנג.

זינגט מען „לאַנגן למנצח",
זינגט מען „מאַרש פון נאַפּאָליאָן"
(און קושניר, מיט נייעם כוח,
הויבט דעם „פּאָלאָנעז" שוין אָן).

זינגט מען דעם „ליאָדער ניגון" —
מיט השתפכות אַזוי רייך...
נעמט מיך שוין אַ שלאָף פאַרוויגן
פון דער סעודה — ביז גאָר רייך.

קוקט אין „ גרויסן זאַל" אַריינעט
די „יאַט" כסלו'דיקע נאַכט;
קוקט מיט אויגן — טיף צע'תענוג'ט:
אַזאַ יום טוב! אַזאַ פּראַכט!

— 13 —

ציט זיך יענער ווייטערווינטער
נגלה־נסתר'דיק צעשיינט;
כ'ווער וואָס ווייטער קנאַפּער „ווינטיק",
שנייד אַליין מער זיך אויף אַ לייט;

טו פיל אויפּעט אין גמרא,
טו אויך אויף אין חסידות פיל;
מיטן רבינס „מאמרים"
ווער אַליין מערער אָנגעפילט.

אָט פֿאַרגייט אַ וואָך אַ נייע,
ס'קומט אויפֿסניי אַ פֿרייטיק אָן;
ס'איז פֿאַרנאַכט, פֿון לערנען פֿריי איצט.
שבת'דיק שוין אָנגעטאָן, —

אייל איך זיך צום הויף דעם רבינס,
טראָג זיך צו דעם „גרויסן זאַל"
(און פֿונווייַט נאָך קומט אַנקעגן
אַ צעכוואַליעטער געזאַנג):

מ'זינגט אַצינד אין „זאַל" אין דעם־אַ:
בחור, יינגל — אין אַ ראָד;
יעדער פּנים — פֿרום צעפֿלעמלט,
יעדנס אויגן — פֿול מיט סוד . . .

בין איך אויך דאָ, העלף אין זינגען, —
אויפֿן רבין וואַרטנדיק . . .
טוט מיין אינגל־שטימע קלינגען
האַרצעדיק, מתיקות'דיק.

— — — — — — — — — — — —

קומט לסוף דער רבי אָנעט,
זעצט אַוועק זיך אויף זיין אָרט
(מיט אַ ליכטיק־שיינעם פּנים, —
מיט אַ צונטער־רויטער באָרד).

ווערט דער „זאַל" דער גאָרער שווייגיק,
שטייען אַלע און מען האָרכט:
ס'טוט דער רבי שוועביק שטייגן
אויף אַ „לייטער" — הויך ביז גאָר.

זאָגט אַ „מאמר" — פול חידושים,
ברענגט פון דעם און יענעם קוואַל
(יעדער פסוק — נעם און קוש אים . . .
יעדער וואָרט — ווי זון צעשטראַלט . . .).

טרינקט מען דאָרשטיק רבינס ווערטער,
טרינק איך אויכעט — אַזוי קליין
(און מיט יעדער רגע ווערט מיר
גרינגער אַלצדינג צו פאַרשטיין . . .).

— 14 —

איז נאָך דאַן די וועלט אַ שטילע
(ווי אין ווינטערוואַלד אַ נעסט);
כאָטש אין רוסלאַנד ווייט ניט שטיל איז:
ס'טומלט דאָרט מיט אַ פראָצעס.

מענדל בייליסן מע משפט
מיט אַ משפט — צוגעטראַכט;
פול מיט בילבול פינצטער-וויסטן,
פול מיט שקר — שוואַרץ, ווי נאַכט.

נאָר פון קריג דערווייל מען הערט ניט
(כאָטש עס שלאָגט זיך דער באַלקאַן);
טוט אין רוסלאַנד רו נאָך הערשן,
איז נאָך יידיש לעבן גאַנץ;

איז נאָך גאַנץ דער גאָרער שטייגער
אינעם תחום המושב — ענג;
שלאָגט נאָך דאָרט דער אַלטער זייגער
אַלע זיינע צוועלעף קלענג.

— — — — — — — — — — — —

איז מיין היים נאָך אַלץ אַ היים נאָך —
דאָרט, אין שטילער קאָוונע־שטאָט;
ווערט מיר וואַרעם, ווערט מיר היימלעך,
ווען אַ בריוו איך קריג פון דאָרט:

פונעם טאַטן, פון דער מאַמען,
פונעם גאָרן הויזגעזינד:
כ׳זאָל ניט זאָרגן: אונדזער שטאָט איז
פעסט פאַרוואָרצלט, יונג צעגרינט.

— 15 —

זיץ איך אָפּ דאַן אין ליובאַוויטש —
לערן, דאַוון — ניט איין זמן:
דין דעם אויבערשטן באהבה
טאָג נאָך טאָג און — זמן נאָך זמן.

אָט איז ווינטער שוין פאַרגאַנגען,
ס׳איז שוין נאָך די פורים־טעג;
נאָכן י״ש און די געזאַנגען
צווישן די ישיבה־ווענט.

איז דער דרויסן שוין אַ לינדער
(כאָטש אין בלאָטע „ביז די קני״);
און די זון, אַ וואַרעם־מילדע,
זאָגט שוין אָן אַ נייעם בלי.

טומלט זיך אין „הויף״ אַצינדער:
שמורה־מצה באַקט מען דאָ;
העלפן צו ישיבה־קינדער
אין אָ־דער עבודה דאָ;

אַן עבודה — היילִיק ממש,
כאַטש די מצה — האָלציק, האַרט . . .
(האָט זי אָבער אַלע טעמים
פֿאַר אַ ייִנגל — צען יאָר אַלט . . .).

העלף איך אונטער אין דער אַרבעט
מיט אַ רעדל אין דער האַנט;
מיט התמדה כ'טו מײַן אַרבעט:
רעדל מצות נאָכאַנאַנד.

— — — — — — — — — — — —

קומט אָן פּסח אין ליובאַוויטש,
פֿיל איך זיך ווי אינדערהיים;
טוען מיר די סדרים פּראַווען
אין ישיבה — גרויס און קליין.

זיץ איך דאָ צעווישן גרויסע
(לערנען שוין אין „זאַל" — „פֿאַר זיך");
טרינק מיט זיי די אַרבע כוסות,
טו מײַן גאַנצע פּסח־פֿליכט:

קײַ די האַרטע שמורה־מצה,
עס דעם מרור, עס די איי;
זאָג און זינג אַ נאַכט אַ גאַנצע
תּפֿילות, לידער אַלערליי.

— — — — — — — — — — — —

קומט אָן זיבן טעג אין פּסח,
גיסט מען אויס אין „גרויסן זאַל"
וואַסער פֿון אַ טון אַ גרויסער
און — דעם „ים סוף" דאָ מען „שפּאַלט".

טאַנצן לאַנג אין „ים" אין אָ־דעם
ייִנגלעך, בחורים, מיט ברען;
הוידעט מען זיך קאַראָהאָדיש —
האַלטנדיק זיך פאַר די הענט.

— 16 —

קייטלען טעג זיך, וואָכן, זמנים,
זונט אַצינד אַ זומער־זמן;
איז אַ טייך ניט־ווייט פאַראַנען —
ווער איך מיט אים „נאָנט באַקאַנט".

היצן — שווער — די מענטשן דריקן,
בינדן הענט און שמידן פיס;
איילן אַלע זיך דערקוויקן
מיטן וואַסער — קיל און פריש.

ווער איך גיך אַ גוטער שווימער,
ווער מיט בעסטע אויסגעגלייכט . . .
גייען טעג פון יענעם זומער
אין ישיבה און אין טייך.

קומט לסוף אָן חודש אלול,
טעג — שוין קירצער, נעכט — שוין קיל;
וויקלען ביימער זיך אין געלן,
ווערן רויט און ראָז צעשפּילט.

הערט מען איצטער שופר־קלאַנגען
אין ליובאַוויטש — רונדאַרום;
ווערן יעדערנס געדאַנקען
מערער ערנסט, מערער פרום.

ווייזן זיך שוין געסט אין שטעטל:
חסידים קומען — יעדן טאָג;
זעט מען זיי די בלאָטע קנעטן —
וואו אַ געסל, וואו אַ ראָג.

הערשט שוין אָסיען אינעם שטעטל,
רעגנט אָפּט — בייטאָג, ביינאַכט;
הערט מען איצטער אינעם שטעטל
סליחות־קלאַנגען יעדע נאַכט.

ווערט נאָך ערנסטער דאָס שטעטל,
ווען דער חודש תשרי קומט;
שטייגן אויף דאַן די געבעטן
ביז די הימלען — פאַרכמיק־פרום . . .

דאַוון איך אין „זאַל” אין קליינעם —
מיט די חסידים אָנגעפּאַקט;
מיטן רבין מיטן שיינעם;
דאַוון אייפעריק, געשמאַק;

זופּ זיך מיטן מחזור אָנעט,
מיטן שופר׳דיקן רוף;
זאַפּ אַריין דעם ראש השנה
סיי אין זעל און סיי אין גוף . . .

נעם דעם יום הדין אַריינעט
אין מיין גאָרן ווען — צאַרט
(און מיט אויגן — ריין צעשאַיניקט —
אויף אַ „גוטן” קוויטל וואַרט).

— 17 —

מוט אַ נייערווינטער קומען,
קומט אַ נייער זומער אָן, —
הייבט זיך אין אָט יענעם זומער
ערשטע וועלט־מלחמה אָן.

שלאָגט מען זיך שוין אויף די פראָנטן —
וואו אַ פליין און וואו אַ לאַן;
טוט דער טויט, אין זעלנער — אַנטאָן,
שניידן דאָרטן, אינעם בראַנד;

שניידט און קאָסיעט, ווי מע קאָסיעט
רייפע זאַנגען אויף אַ פעלד;
ווערט די וועלט מיט בלוט פאַרגאָסן,
ווערט פאַר׳חיה׳ט גאָרע וועלט.

בושעווען דעם צאַרס קאָזאַקן
אויף די פראָנטן — רויט צעברענט;
קעפ פון יידן בראָקן, האַקן
אין די שטעטלעך, אין די שטעט.

אומרוט איצטער אויך ליובאַוויטש,
ווער איך אויבעט אומרואיק;
לערן שוין מיט קנאַפ התלהבות,
קוק אויף אַלץ מיט נייעם בליק . . .

קלער פון אַלץ און — שטעל זיך פראַגן;
קריג פאַרוואָס? און האַס? און בלוט?
און פאַרוואָס — איך טו זיך פרעגן —
איז דעם ייד אַזוי ניט גוט?

פאַלט מיר דאַן אין האַנט אַריינעט
אַ געשיכטע מיט אַ פערד:
מיט אַ קליאַטשע — אויסגעפּייניקט
פון אַ לעבן — שטייניק שווער.

(מענדעלע איז דער מחבר
פונעם חיבור אָטאָ־דעם;
כ'האָב דעם נאָמען פון מחבר
איינמאָל אויף זיין ווערק דערזען

ביי אַ טאָכטער פונעם יידן,
וואו איך שטיי איין „אויף קוואַרטיר";
און דאָס מיידל שטאַרק צופרידן,
האָט דאָס בוך געליען מיר).

חאָב איך מענדעלען „פאַרשלונגען";
און דאָס מיידל שטאַרק צופרידן,
האָט דערקלערט מיר קליאַטשעס הונגער,
קליאַטשעס ליידן — אַזוי גרויס:

— מיט דער קליאַטשע מיינט מען יידן —
האָט זי מיר דאַן אויפגעקלערט;
און דערביי געווען צופרידן
מיר צו לייען נייע ווערק:

פון די שרייבער רייזען ,פרץ,
(און פון איינעם — שלום אַש).
האָב איך שוין „געשלונגען" מערער,
אַלץ פון אָ־די ווערק גענאַשט.

ביזקל בערל דער משגיח
האָט דערוואוסט זיך, וואָס איז טו;
האָט ער זיך אויף מיר צעשריען
און — נאָך אויסגעפּאַטשט דערצו:

אפיקורס בין געוואָרן
אין ישיבה — פול חב״ד;
האָב פאַרביטן די גמרא
אויף „טריף־פּסול״ — פול מיט „שמד״.

דאַרף איך ווערן אויסגעשלאָסן
פון ישיבה אָט־אָ־דער — — —
האָב איך זיך — שוין אויסגעשלאָסן —
באַלד אַהיים צוריקגעקערט.

— 18 —

קריק אַהיים, נאָר ניט קיין ליטע;
ס'ליגט שוין איצטער ליטע־לאַנד
אונטער דער גערמאַניע־שליטה,
פונעם דייטש אַרומגעצאַמט.

(ס'איז דער דייטש שוין טיף אין רוסלאַנד,
האָט אויך פּוילן אָקופּירט;
גרויסע שטיקער פון ווייס־רוסלאַנד,
שטייט שוין ביי סמאַרגאָן, דאַמיר).

זענען מיר אַצינדער פּליטים
אינעם שטעדל קוידענאָוו;
קום איך איצט צו מיינע פּליטים
שוין אַהער — קיין קוידענאָוו.

איז דאָ טאַטע ראש ישיבה,
לערנט אינעם רבינס הויף;
זיץ איך מיט אים אין ישיבה
(ווידער אין אַ רבינס הויף);

הוידע זיך באַנייס אַרומעט
איבער אַ גמרא — דיק.
נאָר אין קאָפּ אין מיינעם זשומען
נייסן אַלערליי פון קריג.

טראַכט איך אָפט פון דער מלחמה,
הער אָפט אויסעט „פּאָליטיק”
(פון ישיבה׳שע צוויי „שטראָמען”
אַרום אָ־דעם הייסן קריג).

האַלטן איינע מיטן קאַיזער
(מיט ווילהעלעמען — באַוואָנצט):
זאָל ער, אָ־דער יעקע־קאַיזער,
ווייזן „פּאָניען”, וואָס ער קאָן;

זאָל ער די „פּאָגראָם־מדינה”
אָקופּירן ביזן ראַנד;
וועט שוין דעמאָלט מער ניט בלינען
יידן־בלוט אין רוסן־לאַנד.

האַלטן אַנדערע, דאַקעגן,
גראָד מט ניקאָלאַיען איצט
(כאָטש מיט גזרות — האָרב — עס רעגנט
אויף די רוסלאַנד־יידן איצט).

— דייטשלאַנד — טענה׳ט אָ־דער עולם
איז נאָך ווייט פון גוט און פרום;
ס׳מאַכט ווילהעלעם — „וויל העולם״:
הערשן וויל ער — אומעטום . . .

און גערמאַניע מאַכט — „גאָר מיינע״:
אַלעם פאַרן יעקע־לאַנד . . .
איז אויך דייטשלאַנד ניט קיין תענוג;
כאָטש ניט שלעכט ווי צאַרן־לאַנד.

טראַכט איך אָפּט פון בײדע „צדדים״,
קלער פון זייער „פּאָליטיק״;
ביז אויך קוידענאָווער באָדן
הויבט אָן ברענען מיטן קריג.

זעט מען איצט שוין אינעם שטעטל
זעלנער שפּאַנען — פאָלק נאָך פאָלק;
דורך דער סלוצקער גאַס זיי טרעטן —
מיט כלי־זיין אָנגע׳עול׳ט;

טרעטן אָפּ פון פראָנט ניט־ווייטן —
מיט אָרקעסטערס אינפאַראַוים;
שפּאַנען, פאָרן, טוען רייטן
(וואַרפן שרעק אויף יעדן הויז . . .)

און האַרמאַטן זעט מען פירן
פונעם דונערדיקן פראָנט.
טוט מען די מלחמה שפּירן
נעבן זיך שוין, זייער נאָנט.

פלאַמען אין די נעכט די הימלען,
הערט מען אָפט אַ שיסעריי
(און אַעראָם אין די הימלען
איילן אָפט אַצינד פאַרביי;

עראָפלאַנען, צעפעלינען, —
איילן זיך באָמבירן מינסק;
איילן זיך מיט טויט פאַרכלינען
יונג און זקן, פרוי און קינד).

— — — — — — — — — — — —

אין קוידענאָוו סוף זומער —
שופר־טעג און סליחות־נעכט;
נאָר צוליב דער קריג־מהומה
זעט מען חסידים ווייניקלעך.

איז ישיבה שוין צעלאָזן
און אין „הויף" איז אומעטיק;
וויאַנען דאָרטן ביימער, גראָזן,
אָסיענט דאָרטן דעם רבינס בליק.

— 19 —

פאָרן מיר קיין מינסק אַריבער
(ווייט פונדאַנען פערציק וויאָרסט);
פירן גאָרע היים אַריבער:
וועלן שטענדיקן אַדאָרט.

(ס'רוקט זיך צו דער פראָנט אַלץ נענטער —
איז דער רבי שוין אין מינסק;
שאַפט אַדאָרט אַ חסידים־צענטער;
פאָרן אויכעט מיר אַהין).

זע איך איצטער פאַר די בליקן
יענע רייזע — לאַנג און שווער:
חשוון־פרי. אַ שליאַך זיך וויקלט —
אָנגעפּראָפּט מיט מיליטער.

ציען זיך מיט די סאָלדאַטן
פורן צוויי מיט יידיש האָב;
זיצט דאָ אויף איין פור מיין טאַטע,
היט לעם זיך, ווי ס'אויג אין קאָפּ,

אַכצן קאַסטנס — פול מיט ספרים
(זאָרגוועוודיק זיי איינגעפּאַקט;
אָפּגעשאָנקען זיי פיל יאָרן;
דורכגעקנעלט זיי גאָר געשמאַק).

זיצט ער איצט און היט די קאַסטנס
פון אַ יעדן זעלנער־בליק:
נים קיין גאָלד איז אין די קאַסטנס —
טייערער — דאָס העכסטע גליק...

און די צווייטע פור מיט זאַכן
היימישע איז אָנגעפּראָפּט
(און אויף אַ־די אַלע זאַכן —
מאַמע, קינדער — קאָפּ אויף קאָפּ).

— — — — — — — — — — — —

פאָרן מיר אַריינעט ענדלעך —
ס'איז שוין אָוונט — אין אַ וואַלד;
ציט ער זיך אַוועק — אָנענדלעך;
אַ געדיכטער, אַלטער וואַלד.

זיצן מיר אויף ביידע פורן
אין אַ פּחד איינגעשפּינט . . .
(און אין הימל — פּראָזשעקטאָרן :
זוכן פּיינט׳ס אַ צעפּעלין . . .).

ציט זיך לאַנג אַ נאַכט אַ וואַכע
(פון איר ענד — מע זעט קיין שפּור) ;
הער איך אין מיין טיפן פּחד :
טאַטע תהילים׳ט אויף זיין פור . . .

— — — — — — — — — — — —

נעמט לסוף דער דרויסן בלויען ,
פאָרן מיר פון וואַלד אַרויס ;
זעען מיר : אין ווייט אין בלויער
גייט אַ זון אויף — ראָז אין גרויס.

זעען מיר : פאַבריקן־קוימענס,
קלויסטער־שפּיצן — זון־באַהעלט — —
הויכט זיך דאָרטן אין די רוימען
מינסק, פאַר מיר — אַ נייע וועלט.

— 20 —

מינסק אין אָסיען נייגצן פופצן —
פול מיט פּליטים, מיליטער ;
פול מיט אָנפּאַל פונדערלופטן,
פול מיט אומקום אויף דער ערד ;

פול געלויסט נאָך פאַרגעניגנס,
פול געיעג נאָך וואָס מער געלט ;
פול נסיון פאַר אַ יינגל
פון מיין עלטער ,פון מיין וועלט.

האָבן מיר אַ קליינע דירה —
אויף אַן אָרעם־ענגער גאַס;
טוט אין וואוינונג נויט זיך שפּירן;
זענען מאַמעס אויגן נאַס.

זוכט דער טאַטע אַ פּרנסה
(קיין ישיבה — מער ניטאָ).
איז אים אָבער אַלץ דאָ קשה.
קען ער קנאַפּ־וואָס אויפטאָן דאָ.

לאָזט ער ענדלעך אָפּ די „לייצעס" —
גיט אויף מיר ניט אַכטונג מער.
נעמט אַ פּרייקייט מיך פאַרפלייצן
אויף מיין יעדן ריר און קער.

קריג איך דאָ אַ חבר — מאיר
(שטאַמט פון לאָדזש — אַ פּליכטלינג דאָ);
ווערן מיר גאָר פיינע „גייער":
יעדן טאָג — אין אַ קינאָ.

זיצן אויבעט לאַנגע שעה'ן
אין אַ מינסקער ביבליאָטעק;
קוויקן זיך מיט „תרבות רעה";
טראָגן זיך אינוויים אַוועק

ביי זשול ווערנס אַ פאַנטאַזיע
(פול מיט חידוש, אַמוזאַנט);
ביי אַ ווערק, פול עולם הזה,
פון אַ שרייבער — מאָפּאַסאַן.

מינסק אין פרילינג נייגצן זעכצן,
כ'בין נאָך ניט קיין דרייצן אַלט —
שפּיר איך שוין אַ ציִ, אַ לעכצונג
נאָך אַ מיידלשער געשטאַלט.

רופט מען פערל אָ־דאָס מיידל,
איז אַ פּליטה — פּונקט ווי מיר;
וואוינט זי, פערל — שיין און איידל —
נעבן אונדז, אַ טיר לעם טיר.

ציט מיך שטאַרק צו אָ־דער פּערלען,
צו איר פּנים — לויטער, פריש;
נעם איך מיט איר יידיש לערנען:
לעזן, שרייבן — אַלץ אומזיסט . . .

קום איך אין איר הויז אַריינעט
יעדן אָוונט — אויף אַ שעה;
טרינק זיך אָן מיט טיפן תענוג
לערנענדיק מיט איר אַדאָ;

ווער דערביי פאַרליבט אַלץ מערער
אין איר פּנים, אין איר בליק.
ביז זי פילט עס: איך, איר לערער,
בין צו איר „ניט גלייכגילטיק".

הויבן מיר זיך אָן צו טרעפן
אויף די טרעפּ פון אונדזער הויז;
אָט איר טיר זיך טוט אַן עפן
און — זי קומט פון שטוב אַרויס.

קום איך אויך פון שטוב אַרויסעט,
שטיי מיט איר שוין אויף די טרעפּ
(אין אַ ווינקל — פול מיט חושך);
גלעט אַדאָרטן אירע צעפּ,

אירע באַקן, נאָז און שטערן,
אירע ליפּן — מלא טעם;
שטייען מיר לאַנג און מיר הערן
שלאָג פון הערצער צוויי — צוזאַם . . .

קוש איך זי מיט צאַרטע קושן
קושט זי מיך גאָר צאַרט צוריק — —
וואַך איך נאָכדעם אויף מיין קישן
איבערפול מיט יינגל־גליק.

— — — — — — — — — — — —

בין איך דאַן שוין אַ „מחבר" —
שרייב אַ טאָגבוך שטילערהייט:
וועגן שונא׳ס לופט־מחבלים,
וואָס באַשיטן מינסק מיט טויט;

וועגן חבר מיינעם — מאיר;
וואו, צוזאַם מיט אים, געווען;
ביכער וואָסערע געלייענט,
פילמען וואָסערע געזען;

וועגן פערלען — מיין געליבטער,
אירע ליפּן, אירע צעפּ;
וויפל קושן כ׳האָב דער ליבער
שוין געגעבן אויף די טרעפּ.

שפּירט מיין חבר עפּעס אויסעט:
כ'טו פון אים באַהאַלטן וואָס;
כ'פיר אַ ליבע — שפּירט ער אויסעט
מיט פּאַראַיבל, מיט פאַרדראָס.

שפּירט ער אויך מיין טאָגבוך אויסעט,
גנב'עט אים אַרויס פון מיר;
לייענט אים מיט קנאה גרויסער,
ווערט נאָך מערער בייז אויף מיר:

ניט דערציילט אים פון מיין ליבע,
פון מיין שרייבן ניט דערציילט;
גיט ער אַ־דעם טאָגבוך איבער
טאַטן מיינעם — פול מיט פרייד . . .

האָט דער טאַטע צו מיר טענות,
מוסר'ט מיך מיט צאָרן שוין:
כ'בין אים גורם שאַרפע פיינען:
טרעט אַריבער יעדן „צוים".

זוכט ער עפּעס אַ תחבולה
ווי פון „הפקר" רעטן מיך;
זוכט און נישטערט אַ גאולה —
סיי פאַר מיר און סיי פאַר זיך.

ביז ער שרייבט אַ בריוו צו איינעם
אַ באַקאַנטן — אין באָברויסק:
יענער לעבט דאָרט איין־אַליין נאָר,
איז א פרוש אין אַ קלויז;

קען ער אפשר מיט מיר לערנען
(און אויפסניי כ׳על עסן „טעג״ — —
פאַר איך קיין באָברויסק שוין לערנען
(ווידער קלויז און ווידער „טעג״).

— 22 —

אין באָברויסק. אַ נייער אָסיען.
ס׳גייט דאָס דריטע יאָר פון קריג.
וועלט מיט בלוט איז אַלץ פאַרגאָסן.
וועלט מיט טויט איז אַלץ „באַגליקט״.

בין איך שוין בר־מצוה־בחור
(ערב שוין פאַר יעדער שולד);
פאַלט מיר שווערלעך די השגחה
פון אַ פרוש אין אַ שול.

איז דער פרוש טיף באַאַריקט —
לייגט ער צו זיך אָפּט אין קלויז
(און אַ חוץ מיך און אָ־דעם פרוש —
קיינער מערער אין דער קלויז).

האָב איך אונטער מיין גמרא
ביאַליקס לידער, שניאורס ווערק;
לייען איר זיי, ווען דער פרוש
שלאָפט געשמאַק און — שנאָרכעט שווער.

— — — — — — — — — — — —

האָב איך איצט אַ פריינט דאָ איינעם
(מ׳רופט אים זעליק, אָ־דעם יאַט);
עס איך אָפּט מיט אים אינאיינעם,
ווען אַ „טאָג״ ביי מיר — ניט זאַט.

(זעליקס מאַמע — אַן אלמנה —
באַקט געבעקסן אַלערליי:
ברויטן, חלות, קיכלעך — מאָניק;
אויפן מאַרק פאַרקויפט זי זיי).

עס איך אָפּט ביי זעליקס מאַמען,
שלאָף דאָ מיט מיין פריינט בײנאַנד
אויף אַן אויוון — היים צעפלאַמיקט
(ער — ביים ברעג און איך — ביים וואַנט).

— — — — — — — — — — — —

ציט זיך אַ באָברויסקער ווינטער —
שנייאיק, פראָסטיק, בייסיק, בייז;
ווערט אין יענעם קאַלטן ווינטער —
ווייט אין קרוינשטאָט־היפּשלעך „היים":

מ'האָט ראַספּוטינען געטויט דאָרט —
קומט אַ נײַעס אָן אין באָברויסק;
נעמט זיך עולם שושקען, סוד'ען, —
אינדערהיים, אין גאַס, אין קלויז.

איז עס קנאַפּ נאָך — קומען נייסן —
„הייסער" נאָך און — מערער גרויס:
דאָרט, אין קרוינשטאָט אין דער ווייסער,
איז מען קענן צאַר אַרויס;

רעוואָלוציע פלאַקערט דאָרטן,
שלאַכטן הילכן — טאָג און נאַכט — —
ביז עס פאַלט — אַ הויז פון קאָרטן —
ניקאָלאַי'ס ברוטאַלע מאַכט.

איז שוין אוים מיט ניקאָלאַיען,
מיט זיין פּיקע, מיט זיין פויסט;
יובלט גאָרע לאַנד מיט פרייהייט,
שאַלט מיט פרייהייט אויך באָברויסק.

— 23 —

קומט אַ נייער פרילינג אָנעט
(קיינמאָל נאָך געווען אַזאַ);
פול מיט פורפורדיקע פאָנען,
פול מיט מאַרשן און געזאַנג;

פול מיט שמחה און מיט יום טוב,
פול מיט גלייכהייט, אייניקייט
(יעדן איינעם ביסטו נאָנט איצט,
יעדער איינער — דיר אַ פריינט).

איז דאָס לאַנד דאָס גרויסע. גאָרע
העל מיט האָפן אויפגעבליט:
ס׳קומט אַצינד אַ וואונדערוואָר אָן —
פאַרן ניט־ייד, פאַרן ייד.

— — — — — — — — — — — —

בין איך איצט, אויף יום טוב פסח,
אינדערהיים, אין מינסק, צוריק;
פלייצט אויך מינסק מיט פרייד מיט הייסער,
שטראָמט אויך מינסק מיט העלן גליק.

איז אויך דאָ ביז גאָר לעבעדיק,
שאַלט אויך דאָ די נייע וואָר;
הערסטו „חבר״, וואו דו ווענדסט זיך,
וואו דו גייסט נאָר — אָ־דאָס וואָרט.

— — — — — — — — — — — —

בלויז דער טאַטע פרייט זיך ווייניק:
ס'איז דאָך — זאָגט ער — ווייט פון גוט;
ס'קען נאָך אָ־די פריי די שיינע
קאָסטן אונדז אַ ים מיט בלוט.

— 24 —

פאַר איך אָפּעט באַלד נאָך פּסח
קיין אוקראַינע, זייער ווייט:
ס'איז די היים מיט גויט פאַר'חושכ'ט —
איז פאַר מיר שוין „העכסטע" צייט

עפּעס טאָן, מיט עפּעס העלפן
די האַלב הונגעריקע היים.
ווער איך לערער אין אַ דערפל
(אַזוי יונג נאָך, אַזוי קליין).

לערן איך מיט קינדער חומש,
לערן עברי, אלף־בית — —
ווערט אין לאַנד אינמיטן זומער
גיט נאָר וואַרעם — ברענט היים:

באָלשעוויקעס מאַכן בונטן
אינעם ווייטן פּעטראָגראַד;
צינדן רוסלאַנד אַלץ מער אונטער,
פירן עס צום רויטן „שמד".

טומלט זיך מיט טראָצקי־לעניז,
ווערט שוין קערענסקע באַדראָט;
נעמט דאָס לאַנד דאָס גרויסע ברענען —
וואו אַ געגנט, וואו אַ שטאָט —

— — — — — — — — — — — —

נאָר אין דאָרף אין מיינעם קליינעם
איז דערווײַלע רואיק, שטיל;
ליגן אַרום דערפל פּליינען —
אין אַ שפּע איינגעהילט:

גאָלדיק־פולע ווייצן־זאַנגען,
צײַטיקע, פּאַר קאָסע גרייט;
שניידט מען זיי שוין — מיט געזאַנגען...
בינדט מען זיי שוין — פול מיט פרייד...

אוקראַינע! לאַנד געבענטשטע,
שוואַרצער באָדן, פעטע ערד, —
כ׳קען אַצינד שוין דיינע מענטשן,
דיינע פּויערים — מיט בערד;

דיינע פּויערטעס געזונטע,
דיינע היימען — פול מיט זעט
(ווי אַרום — די זאַטע גרונטן,
ווי אַרום — דעם באָדן — פעט).

כ׳קען שוין אויך דיין האַרץ דיין ברייטע —
אויפצונעמען יעדן גרייט;
טיילן זיך מיט טיש געגרייטן,
מיט געלעגער — ווייך פאַרשפּרייט.

קען איך אָבער אויך כמעלניצקין,
מעסער זיינעם, האַק און קנוט — —
בעט איך דיך, אוקראַינע, איצטער:
ניט פאַרגיס מער יידיש בלוט!

ווידער לערער. אין אַ דערפל
אַ ווייסרוסיש ,נעבן מינסק.
ס'גייען טעג איצט — חיה'ש, וועלפיש,
פון דער פרייהייט בלוט עס רינט.

ס'גייט דער ווינטער נאָך „אָקטאָבער",
שטעט און דערפער — פול פאַרבערך;
טוען מענטשן גריבער גראָבן:
רעכט — פאַר לינק און לינק — פאַר רעכט.

בושעווען אין דאָרף פאָליאַקן
(מיט סאַדיזם אינעם בליק);
קעפ פון יידן בראָקן ,האַקן:
יעדער ייד איז — „באָלשעוויק".

איז דאָס דערפל פול מיט אימה,
פול מיט אָנפאַל און מיט בראַך;
ווינקלט מען זיך אין די היימען —
אינעם דרויסן איינגעהאָרכט . . .

שרייב איך פיל אין יענעם ווינטער,
שאַף אַ גאַנצענעם ראָמאַן
(פון מיין ליבע פון דער מינסקער;
שרייב אין יידיש דעם ראָמאַן).

שאַף איך אויכעט אין העברעאיש —
וועגן רוסלאַנדס „וואונדערוואָר" — —
ביז די ווינטערטעג פאַרגייען
און — דער דייטש קומט אָן אין דאָרף.

צוויטעט איצט אַ פרישער פרילינג,
בין איך אין זאַסלאַוו אַצינד
(ס'איז אַ שטעטעלע אַ שטילעם
אויף אַ צווייטער זייט פון מינסק).

בין איך אויך אַדאָ אַ לערער,
לערן מער נאָך זיך אַליין;
זיץ ניט איבער ספרים מערער —
שלינג אַלץ ביכער — גרויס און קליין.

(אין אַ שולכל טו זיי שלינגען,
אין דער עזרת נשים דאָרט;
אין אַ שלווה איינגערינגלט,
ווייט פון גאָרער גרויל־וואָר).

— — — — — — — — — — — —

האָט זאַסלאַוו אַ רב אַ יונגן —
איז ער משכיל, אָ־דער רב;
זיצט ער אָפּט מיט מיר אַ שטונדע,
שמועסט פון השכלה אָפּט;

רעדט מיט מיר פון מענדעלסאָנען,
רעדט פון ברוידעסן מיט מיר;
לייענט וואָס פון לעווינזאָנען ,
לעזט פון גאָרדאָנען אַ שיר — —

ציט זיך אַ זאַסלאַווער זומער
אונטער הערשאַפט פונעם דייטש;
די געשלעגן, די מהומות
זענען איצטער העט־העט־ווייט.

אומעטיקט אַ האַרבסט אַ נייער,
קלייבט זיך דייטש אין וועג צוריק:
ס'האָט געעקט זיך וועלטן־פייער,
ס'איז אַן ענדע צו דעם קריג.

זע איך ווידער מינסקער גאַסן:
אינדערהיים בין אויפדאָסניי;
טוען גאַסן פריידיק רעשן:
פונעם יעקע ווערט מען פריי.

אָבער גוט אויך איצט עס ווערט ניט:
בירגערקריג אין לאַנד עס ברענט;
הונגער שטאַרקט זיך, טיפוס מערט זיך,
באַנדעס דראָען מיט פאַרלענד — —

פאָר איך קיין אוקראַינע ווידער:
ס'איז אַדאָרטן ברויט פאַראַן;
פאַר אַצינדער מיט צוויי ברידער,
פאָר מעת־לעתן — מיט אַ באַן.

און דער וועג — אַ ביטער־שווערער,
און וואָס ווייטער — האַרבער ווערט:
אָנפאַלן זיך טוען מערן;
מער נאָך — אויף אוקראַינע־ערד.

וואָגלען מיר דורך שטעט — אין שלאַכטן:
האָמליע, קיעוו, קרעמענטשוג — —
הילכן אויך אויף וועגן שלאַכטן,
לוגט געפאַר אויף אונדזער צוג.

קומען מיר אין ניקאָלאַיעוו,
קומען אָנעט אין כערסאָן, —
ווייס מען דאָ ניט פון קיין פייער,
הערט מען דאָ ניט פון קיין פראָנט.

בלייבן מיר אַדאָ דערווײַלע:
שפּייז ס'איז דאָ פּאַראַן גענוג;
ברויט פאַר הונגעריקע מײַלער,
פלייש און פיש און מילך גענוג — —

גייען שטיל כערסאָנער וואָכן,
ציען זיך מאָנאַטן שטיל;
זאָל דאָס גאָרע לאַנד זיך קאָכן —
ס'איז כערסאָן אין רו געהילט;

ס'לעבט כערסאָן באַזאַכט, געלאַסן,
לעבט זיך זעטיק, לעבט זיך רייך;
מיט פּאַרקעמטע, שיינע גאַסן,
מיט אַ פּרעכטיק-ברייטן טייך.

בין איך אויך אַדאָ אַ לערער,
קנעל אַצינד „מאָדערן" שוין;
אין באַקאַנטע הייזער לערן,
הייזער — מיט קולטור באַקרוינט.

האָב איך אויך אַ גאַס צוויי „שטונדן" —
גאָר באַזונדערס טייער מיר;
שטיבער — ממש אויסגעהונגערט
נאָך אַ יידיש וואָרט פון מיר;

שטיבער שטאַרק רוסיפיצירטע —
סיי מיט שטייגער ,סיי מיט שפּראַך;
נאָר אין דער אַסימילירטקייט
שטעקט נאָך בענקעניש אַ סך

נאָכן איינגנס — לאַנג פאַרשוואונדן
פּנעם מויל און פון דער שטוב — —
זענען מיר אָ־די צוויי „שטונדן" —
ווי דערמאָנט שוין — זייער ליב.

— — — — — — — — — — — —

לערן איך אין שטוב אין איינער
מיט פיר שילער — גרויס און קליין:
טוסיאַ, ראַיאַ, — מיידלעך שיינע,
סוניאַ, באָריאַ — יינגלעך — שיין.

איז דאָ טוסיאַ עלטסטע סאַמע
(כלה־מיידל מעג שוין זיין);
בויגיק, דין, מיט אויגן — סאַמעט,
מיט אַ פּנים — פול מיט שיין.

שפּילט זי פּיאַנאָ מייסטערהאַפטיק,
מאָלט זי בילדער מיט טאַלאַנט;
שרייבט זי לידער — טויאיק, זאַפטיק,
נעמט זי אויסעט מיט געזאַנג.

לערן איך מיט איר העברעאיש,
קנעל מיט איר אויך מאַמע־שפּראַך;
פּלאַפּלט זי שוין אויף העברעאיש,
רעדט שוין יידיש און — זי לאַכט:

שבת, יום טוב, קוגל, צימעס,
בולבע, פֿאַרפֿל, פֿלייש און פֿיש;
השמים מיינט — דער הימל,
כסא — שטול און שולחן — טיש.

ווער איך אין איר היים בן־בית,
טאָג דאָ, נעכטיק, עס און טרינק;
הויבט זיך אָן אַ צייט אַ נייע
אין מיין לעבן — פֿון אַצינד.

— — — — — — — — — — — —

לערנט טוסיאַ מיט מיר רוסיש,
פּרואווט מיך לערנען אויך מוזיק;
רייד איך שוין אַביסל רוסיש,
שפּיל שוין עפּעס — פֿול מיט גליק . . .

— — — — — — — — — — — —

איז דאָס הויז געפּראָפּט מיט ביכער:
דיקע, דינע, אַלערליי;
שלינג איך נאָכאַנאַנד די ביכער,
ווער אַליץ מער באַרייכט מיט זיי.

— 29 —

האָב איך אויף דער גאַס דער זעלבער
נאָך אַ „שטונדע" — טייער מיר;
לערן אויף דער גאַס דער זעלבער
מיט צוויי שוועסטער — ראַפּינירט:

אידאַ, וועראַ — צוויי אַקטריסעס:
בלויע אויגן, בלאָנדע האָר;
פּנים'ער צעפּרילינגט פֿרישע,
גופֿים שלאַנקע ביזקל גאָר.

האָבן זיי אַן אַלטן זיידן
(אַ באַרימטער אַדוואָקאַט) —
איז אַ פרייד מיט אים צו ריידן;
ווער איך מיט אים קיינמאָל „זאַט":

קען לשונות כל המינים,
שאַפונגען אויף יעדער שפּראַך;
קלערט אַלץ אויפעט זייער זיניק,
ווייזט אַלץ אויף מיט האַרץ אַ סך . . .

און מיט מיר — נאָר פופצן יאָריק —
ווי אַ חבר — גלייך אויף גלייך;
ווער איך פון אים — אַכציק־יאָריק —
מיט קולטור אַלץ מער באַרייכט.

זיך איך אָפּעט ביי די „שמולערס" —
יעדן אָוונט — שעה'ן־לאַנג;
שעפּ זיך אָן דאָ, ווער אַלץ פולער
מיט געפיל און מיט געדאַנק.

— 30 —

גייען אָפּ אַ צאָל חדשים —
זשליאָקעט שוין אוקראַינע־ערד
בלוט, ווי וואַסער אָנגעגאָסן,
פונעם ייד אויף אָ־דער ערד.

ניינצן־ניינצן — יאָר פון אימה —
טראָגט זיך איבער גאָרן לאַנד;
בושעוועט אין יידן־היימען,
ברענגט אום פרוי און קינד און מאַן.

קומען אָנעט פּחדים־בשורות
קיין כערסאָן — געהילט אין רו;
טראָגט זיך אויך אַהער דער שטורעם,
קומט צו שטאָט אַלץ נענטער צו;

רייסט אַריין זיך ערב פּרילינג
אין אַן אויסגעבּלויטער נאַכט;
טרייסלט אויף די שטאָט די שטילע
מיט געשאָס און מיט געקראַך.

טראָגט מען שוין אין ערשטע שעה'ן,
בּינטלעך יידן, ריי נאָך ריי:
(יונגע ,גרייזע, מענער פרויען)
צו בּאַראַקן גרויסע צוויי;

שפּאַרט מען אָן אָ־די בּאַראַקן
קאָפּ אויף קאָפּ, בּיז סאַמע ראַנד
און — אַ פייער זיך צעפלאַקערט,
בּראָט שוין לעבּנס אויף זיין „פאַן".

בּרעכט ווער אויס אַ טיר אין פלאַמען,
רייסט זיך פונעם גרויל אַרויס;
אָבּער צענדליקער אין פלאַמען
קומען מער שוין ניט אַרויס — —

— 31 —

מושל'ט איצט אין שטאָט גריגאָריעוו —
הויפּט פון עפּעס אַן אַרמיי;
איז ער — זאָגט ער — קנאַפּ וואָס ערב
פאַר זיין „העלדישער" אַרמיי.

קומען פאַר אין שטאָט „נאַליאָטן" —
סיי בײנאַכט און סיי בײטאָג;
האַלט אײן יעדערער דעם אָטעם —
זעענדיק די גרויסע קלאָג.

— — — — — — — — — — — —

קומען אָנעט אַנאַרכיסטען —
שווער באַוואָפנט, שוואַרץ באַפּאָנט;
טוט מען שוין שטאָט איבערגעבן פּאַרוויסטן,
שטייט באַנײם אַלצדינג אין קאָן.

קומט אַרײַן אין שטאָט דעניקין —
ווייסגוואַרדייאיש, פול מיט האַס;
טוט מען ווידער שלאָגן, שטיקן
אויף אַ יעדן ראָג און גאַס.

בייטן זיך אין שטאָט די מאַכטן;
„שוואַרץ" און „ווײס" און „גרין" און „געל" — — —
מאָרדעט מען אין בײנאַכטן,
קוילעט מען בײטאָג — צעהעלט.

— 32 —

גרייפן שוין די „רויטע" אָנעט
מיט נצחונישן געשריי;
נעמען בלוטיקע נקמה
פון דעניקינישער אַרמיי.

פּאַקעווען זיך ווייסגוואַרדייער —
מיט רציחה היים צעגליט;
אַגיטאַציע — פּינצטער — זייען:
ס'איז די שולד אַליך פונעם ייד.

קומט אַ נאַכט אַ לעצטע אָנעט —
וויכערט אויפעט אַ פּאָגראָם;
פּאָכענען אין הענט פון שונאים
שווערד און מעסער, ביקס און לאָם.

טוט מען טויטן, טוט מען רויבן
אויך אין הויף, אַוואו איך וואוין;
טראָגט זיך דורך צעבראָקטע שויבן
אַ געיאָמער ,אַ געוואוי.

ליג איך מיט אַ הייפל שכנים
אין אַ גרוב אַהינטער שטוב;
שטיל דאָ איינעט קינדער קליינע —
וויינענדיקע אין דער גרוב.

ליגן מיר דאָ שטום־פאַרטייעט,
אין אַ קנויל צונויפגעדרייט;
הערן אַליץ געבריל פון חיה,
הערן אַליץ: מע שיסט, מע טויט — —

ביז באַגין הויפט אָנעט בלויען,
טראָגט אַ בשורה דורך דער שטאָט:
שוין ניטאָ די מצורעים,
די מערדיירים מער ניטאָ .

קומען מיר פון גרוב אַרויסעט —
איינגעטונקט אין שטויב, אין קויט;
העלט אַ זון אין בלויעם דרויסן,
ווייען פאָנען צונטער־רויט.

הויבן זיך אַצינדערט אָנעט
קאָנפיסקאַציעס אַלערליי
(און „צעבייטונגען" פון „שונאים" —
קרעמער, מעקלער, כלערליי).

וואַרפט מען גבירים פון די הייזער,
שטעלט מען אָפט זיי „צו דער וואַנט".
וואַגט שוין ניט אין גאַס זיך ווייזן —
וואו אַ מינדסטער שפּעקוליאַנט.

נעמט מען זיך אויך צו כלי־קודש:
צו אַ רב — פול מיט שרעק,
צו אַ שמש אויף אַ בוידעם,
צו אַ שוחט — וואו פאַרשטעקט.

נעמט מען זיך צו ציוניסטן,
צו אַ בונדאָוועץ אַוואו:
טוט מען אָפט אויך זיי צעשיסן,
פירט מען אָפט אויך זיי „צו רו".

— — — — — — — — — — — —

האָב איך שוין קיין „שטונדן" מערער,
גיי אַרומעט אָן פאַרדינסט;
„זינגען אונטער" די גערערים,
איז דאָס פנים בלייך און דין.

— — — — — — — — — — — —

ווער איך ענדלעך „פּראָלעטאַריער" —
טו וואָס אין אַ גאַרבעריי,
פּראַצעווע, אַ בלאַסער, דאַרער,
מיט אַ מידקייט — שווער, ווי בליי.

— 34 —

ציען זיך פֿוועקעט יאָרן —
ווייניק זאַט און קנאַפּ באַרוט ;
קריק אַהיים איך קען ניט פֿאָרן :
ס'איז אַלץ רוסלאַנד פֿול מיט בלוט ;

ס'איז אַלץ רוסלאַנד פֿול געשלעגן —
וואו אַ ווינקל, וואו אַ קאַנט ;
לוגט געפֿאַר אויף אַלע וועגן,
לויערט טויט אויף יעדן שפּאַן.

— — — — — — — — — — — —

האָב איך איצט אַ נייע שטעלע —
היט אַ ברעטער־סקלאַד ביינאַכט ;
טו דערביי זיך וואַזשנע קוועלן —
זייענדיק כסדר וואַך ;

שפּאַן אַרומעט מיט אַ שטעקן
אינעם חושך איינגעהאָרכט ;
טו דערביי זיך היפּשלעך שרעקן
פֿאַר אַ יעדן מינדסטן שאָרך .. .

און פֿאַר אָ־דער „ליבער" שמירה
(אינעם חושך, מיטן שטאָק)
קריג איך קלאָגעדיקע שכירות :
גאָר אַ מאָגערן „פּאַיאָק".

— 35 —

האָב איך שוין אַ דריטע שטעלע :
טו וואָס אין אַ קינדערהיים ;
איז מיר דאָ שוין מער געפֿעלן,
כאָטש די היים איז פֿול . . . געוויין.

ס'ווינען דאָרערט קינדער — נאַקעט —
אויפגעקליבן פון דער גאַס ;
בלאָטיק, לייזיק, פול מיט מכות ;
מיט געזיכטער — דאַר און בלאַס.

טוט אויף זיי דאָ אַכטונג־געבן
אַן אלמנה פון אַ מאַן,
וואָס האָט זיך „אָוועקגעגעבן"
פאַרן וואויל פון רויטן לאַנד.

שקליאַר זיין נאָמען. אַ לאַטוטניק
איז ער אין כערסאָן געווען ;
נאָר אַ שטרייטער — דרייסט און מוטיק ;
פאַר די „רויטע" אַלץ „געברענט"!

האָט מען אים געשיקט פונדאַנען
איינמאָנען „מלוכה־ברויט";
האָט ער באַלד, ניט־ווייט פונדאַנען
„איינגעמאָנט" פאַר זיך — דעם טויט.

ס'האָבן פויערים־באַנדיטן
אָפּגעוואַרט אים ביי־צערייצט
און — דעם בויך אים אויפגעשניטן :
אָנגעשטאָפּט דעם בויך מיט — ווייץ.

איז זיין פרוי איצט אַן אלמנה,
אַ דערשלאָגן־קראַנקע פרוי ;
מיט אַ קנייטשן־פולן פנים ,
מיט אַ קאָפּ — אינגאַנצן גרוי.

העלף איך איר אַרויס אַביסל:
צוואָג די קינדער, טו זיי אָן — —
איז שוין זעטיקער מיין ביסן,
האָב איך שוין וואָס אָנצוטאָן.

— 36 —

קומט אָן ניינצן איין און צוואַנציק:
יאָר פון הונגער — גוט באַקאַנט;
הונגערט דאַן דאָס לאַנד דאָס גאַנצע,
מערער נאָך — דער וואָלגע־קאַנט.

שטאַרבן אויס פון הונגער שווערן
דערפער גאַנצע — גרויס און קליין;
טוט זיך אויך אין שטעט פאַרמערן
דאָס „געשוואָלענע" פאַרגיין.

טראָגט דער הונגער זיך אַריבער
קיין אוקראַינע, קיין כערסאָן;
גראָבט מען אויך אַדאָ שוין גריבער
און — מע פילט ביז ראַנד זיי אָן.

ליגן מתים אויף די גאַסן,
ליגן טויטע — וואו אַ הויז;
האָבן כלבים וואָס צו „נאַשן";
„פּרואווון" אויכעט מענטשן אויס.

גריזשעט אויכעט אונדז דער הונגער —
מיך און ברידער מיינע צוויי;
שרעקן מיר זיך פאַרן הונגער
מיט זיין גרויליקן פאַרגיי.

רייסן מיר זיך שטאָט פאַרלאָזן —
כל־זמן עס איז נאָך ניט שפּעט . . .
קען מען זיך אין וועג ניט לאָזן.
ווערט מיט יעדן טאָג מער שפּעט.

— — — — — — — — — — — —

הערשט אין שטאָט אַ קאַלטער ווינטער
(אַזאַ קעלט — נאָך ניט געווען);
שטייט כערסאָן — איין גרויסער צווינטער
מיט אַ הויכן שניי באַבלענדט.

גייען טעג און נעכט אַוועקעט
הונגעריק און פּראָסטיק־האַרב;
טוט וואָס ווייטער אַלץ מער שרעקן
דער אַרומיקער געשטאַרב.

ביז עס קומט אָן אַ באַגינען,
איינגעהילט אין גרויען ליכט,
ווען אַ פרייד אונדז נעמט פאַרכלינען:
אין אַ באַן מיר זעען זיך.

— 37 —

פאָרן מיר קיין ניקאָלאַיעוו,
איז די באַן — אַ לאַנגע „שלאַנג" —
פול מיט לייז און טיפוס־פייער
פול מיט הונגער און געשטאַנק;

פול מיט ווייטיק און מיט איבל,
פול געקרעכץ און — פול געצאַנק — —
גראָבט מען איצט אין סטעפּעס גריבער
און — מע פילט אָן ביזן ראַנד.

שלעפּט זיך לאַנג די באַן די לאַנגע
איבער סטעפּעס — פול מיט טויט;
הער איך רעדערשע „געזאַנגען":
אויבעט דו ווערסט גיך זיין טויט.

ציען טעג זיך און מעת־לעתן,
שלעפּט זיך אַלץ דער לאַנגער צוג — — —
ניט געשלאָפן, ניט געגעסן,
קומען מיר קיין קרעמענטשוג.

— 38 —

פאָרן מיר — מיט פיין אין גופים —
ווייטער שוין — קיין ראָמאַדאַן;
פאָרן איצטער אויף די בופערס
פון אַ נייער, פולער באַן.

און אינדרויסן ברייט אַ קרירה,
און אינדרויסן דרייט אַ שניי;
זינגען די געדערים „שירה"
אינעם פראָסט און אינעם שניי.

ווילט זיך עסן אויף די בופערס,
ווילט זיך שלאָפן — שטייענדיק . . .
דרינגט די קעלט אַלץ מער אין גופים,
שטייט די ענד אַלץ פאַרן בליק.

טראָגן מיר זיך ניט געשלאָפן,
אָן אַ ביסן אינעם מויל;
טראָגן לאַנג זיך אויף אין־סוף'ן —
פול מיט שניי און ווינט־געהויל.

— 39 —

קומען מיר קיין ראָמאַדאַן אָן —
שטייט און פרירט דאָ אַ וואָקזאַל;
ליגן מענטשן — וואו אַ שפּאַן נאָר
אויפן דיל פון דעם וואָקזאַל.

ליגן מיר מיט זיי אינאיינעם —
וואַרטן אויף אַ נייער באַן;
ליגן קינדערלעך דאָ און וויינען
(הונגעריקע, טיפוס־קראַנק).

שטאַרבט לעם מיר אַ יונגע גויע
(אויף אַ זאַק — צעלעכערט, אַלט);
גייט אַ טאָג אַוועק אַ גרויער,
גייט אַ נאַכט אַוועקעט — קאַלט.

קומט לסוף אַ נייער צוג אָן:
בלויז פלאַטפאָרמעס — אָנגעפּראָפּט;
זיצן מיר שוין, האַלטן צו זיך,
לייב צו לייב און קאָפּ צו קאָפּ.

— 40 —

פאָרן מיר אַצינד אין רעגן —
אויסגעמישט מיט שניי און אייז;
פאָרט מיר נאָך איצט אויף די וועגן —
ווינקענדיק — אַ חלה — ווייס.

זע איך אַלץ פאַר זיך די חלה
(בין, אפנים, טיף אין פלאַש);
ווען איך האָב זי, אָ־די חלה,
וואָלט איך פון איר רק גענאַשט.

פאָלגט זי נאָך אַלץ, אָ־די חלה,
גייט אַ נייער טאָג אַוועק;
פרירן מיר די אברים אַלע
און דער הונגער שניידט און זעגט.

(און דער „צוג" — אָן וועגט, אָן טירן —
שלעפּט זיך אַלץ — אין אייז, אין שניי,
שלעפּט זיך אַלץ — אין ווינט, אין קרירה,
שלעפּט זיך אַלץ — אין ווינד, אין וויי) —

— 41 —

אין ראָמען. אַ שטאָט אַ זאַטע.
שפּייז פּאַראַן. בזיל־הזול
ליג איך אָבער און זיך מאַטער —
טיפוס־קראַנק — אין אַ שפּיטאָל.

און לעם מיר דאָ — מיינע ברידער,
אויבעט זיי — אין טיף־געברען;
לעבן זיי עס ניט אַריבער —
ווערן ענדלעך אויסגעברענט.

ליג איך שוין אַדאָ אַליין נאָר,
פּלאָג זיך וואָכן — באַלד אַ מת;
הער אָפּט אַרום זיך געוויינען —
ברידער מיינע וויינען עס? . . .

ברידער יונגע צוויי — „באַרוטע"
אין ראָמענער זאַטער ערד?
כ'וועל אייך, ברידער מיינע גוטע,
מער ניט זען שוין — קיינמאָל מער — — —

האָב איך אין ראַמען דער זאַטער,
אין גערענגל מיטן סוף
(דורך מאַנאַטן — פול מיט מאַטער),
זיך דערזען געזונט לסוף.

ס'האָט מיך דאָ אַ ייד אַ פרומער,
זיך דערוויסנדיק פון מיר,
פון שפּיטאָל אַרויסגענומען
און — צו זיך אַוועקגעפירט.

אין שפּיטאָל דאָ וועל איך שטאַרבן —
האָט צו מיר דער ייד גערעדט;
דער רעזשים דאָ — גאָר אַ האַרבער;
שלעכט דאָס עסן, האַרט די בעט;

און די רופאים — רוצחים ממש . . .
די באַדינער — אויך אַזוי . . .
און ביי אים — אַ שטוב אַ גראַמע,
און ביי אים — אַ גוטע פרוי.

און ביי אים איז „פול אין טעלער",
און ביי אים איז ליכטיק, ריין.
וועל איך אויף די פיס זיך שטעלן,
ווידער שטיין און — ווידער גיין . . .

בין איך ביי אים אָפּגעלעגן
טעג און נעכט און — וואָכנלאַנג;
אויף אַ זויבערן געלעגער,
אין אַ צימער — ציכטיק, בלאַנק.

און אַ דאָקטער איז געקומען
יעדן טאָג — זען וואָס איך מאַך ;
און דער ייִד אָ־דער־אָ פרומער
האָט אַלץ איבער מיר געוואַכט.

ביז ער האָט מיך — באַלד אַ טויטן —
אויף די פיס צוריקגעשטעלט
(און פון אויסזען מיינעם גוטן —
גליקלעך ממש — אָנגעקוועלט).

כאַצקל גרינפרעס — נאָמען זיינער.
אויב ער לעבט נאָך, אָ־דער פריינט,
זאָל די זון אים שטענדיק שיינען,
זאָל אים תמיד פריידיק זיין.

— 43 —

קריק אין מינסק, אין צוויי און צוואַנציק,
ס'גייט דאָס צווייטע יאָר פון „נעפּ";
טוען הענדלער זינגען, טאַנצן :
מסחר — ווידער אויפגעלעבט.

פרואוון אויבעט די כלי קודש
אויפהויבן די קעפּ אויפסניי ;
מער ניט זיצן אויף די בוידעמס :
ס'איז דאָס ביז דאָך שוין פאַרביי . . .

שווייגט ניט אָבער די „יעווסעקציע",
שטייט אַלץ אויף דער „רויטער" וואַך ;
קריגט זי ממש אַפּאָפּלעקציע,
ווען אַ ייִד אַ ברית עס מאַכט ;

װען אַ חופּה טוט װער שטעלן
לויטן דת און לויטן דין;
װען מען כאַפּט אַװאו נאָך קנעלן
אַ מלמד מיט אַ קינד;

װען אַ תּרועה ,צי אַ תּקיעה,
טראָגט זיך ערגעץ פון אַ שול — —
טוען זיך יעווסעקן מיען:
ליקווידירן שול נאָך שול;

ליקווידירן — וואו אַ חדר,
אַ ישיבה ערגעצוואו;
אַגיטירן קעגן סדר,
קעגן מילה, שבת־רו;

קעגן גראַגערס און כּפּרות,
קעגן תּפילין, קעגן בערד — —
טוען אַלץ דערגיין די יאָרן
יענע אַלע — „מיט די בערד".

— — — — — — — — — — — —

האָב איך איצט אין מינסק אין רויטן
קיינעם מערער פון מיין היים.
טאַטע מיינער — דריי יאָר טויט שוין,
האָט אַצינד אַן אַנדער „היים"

(כ'האָב ערשט איצטער זיך דערוואוסט עס:
האָט גע'חולה'ט זייער לאַנג;
אַלץ געפיבערט, אַלץ געהוסט האָט, —
ביז געעקט זיך, אויסגעצאַנקט).

און די מאַמע, מיט די קינדער, —
קריק אין ליטע זענען זיי.
בין איך דאָ אַליין אַצינדער
וואו איך שטיי און וואו איך גיי.

דריי איך זיך אין מינסק אַרומעט
אָן אַ קרוב, אָן אַ היים;
„הונגער אונטער", לייד פון אומעט,
לייד פון בענקעניש אַהיים . . .

נאָר קיין ליטע כ'קען ניט פאָרן —
קיין „פּאַפּירן" אַלץ ניטאָ;
(און וועט ווייס גאָר וויפל יאָרן
וואַרטן אויף זיי דאַרף איך דאָ).

איז ניט גוט צו זיצן מערער
מיט צונויפגעלייגטע הענט.
גרייט איך צו זיך ווי געהעריק
און — איך ווער דאָ אַ סטודענט.

— 44 —

אַ סטודענט. אַ שילער — פּלייסיק —
אין אַ „רויטן" סעמינאַר.
טו איך מיט התמדה „בייסן"
דעם „גראַניט פון וויסן" — האַרט:

פיזיק, כעמיע, ביאָלאָגיע
און, דער עיקר, מאַרקסעס ווערק
(לויט דער שטרענגער לעניז־לאָגיק
אויף דער „רויטער" רוסלאַנד־ערד).

ציט מיך אָבער צו פּאָעזיע —
דווקא „בלויער" — צאַרט און דין . . .
ווער איך מיט מיין גאָרן וועזן
טיפער אַלץ אַריינגעשפּינט

אין די לידער פון די „יונגע"
(פונעם ריזן־כּרך ניו־יאָרק);
לייען איך זיי פול מיט הונגער,
לייען איך זיי פול מיט דאָרשט.

אין דער ביבליאָטעק דער גרויסער
פון דער לערער־שולע — רויט;
טו זיי לעזן אַ באַרוישטער
ווער מיט זיי אַלץ מער „באַבלויט".

— — — — — — — — — — — —

נאָר אין מינסק עם תושב'ט כּאַריק,
אַקסעלראָד און נאָך, און נאָך:
יונגע דיכטער — גליאיק, זשאַריק, —
אין דער נייער וואָר פאַרקאָכט;

אין דער וואָר פון סערפּ און האַמער,
אין דער וואָר פון שטערן — רויט;
יונגע שעפער — שוין פאַרשטאַמיקט
אינעם רוסלאַנד־לעבן — רויט.

לייען איך דאָ כּאַריקס לידער,
לעז פון אַקסעלראָדן וואָס;
ווער באַווירקט פון אָ־די לידער,
שרייב שוין קנאַפּ פון קווייט און גראָז,

פון דער זון און דער לבנה,
אָסיען־װעלק און פרילינג־צװײט — —
שרײַב איך דאַן אַ זמר אָנעט —
מיט רעװאָלט אַדורכגעגליט:

פלאַקאַט צום ערשטן מאַי

אויף גאַסן, אויף סקווערן,
אין רייען, מיט פאָנען;
פאַרלאָזט היינט די סערפּן,
די האַמערס — מיליאָנען!

און שטאָלצער די קעפּ הויבט,
און פעסטער — די טריט;
און גרוסן פון פרילינג
מיט פרייד אין די הערצער
אויף אַלע אַרומען
צעטראָטן און צעשיט!

און לידער צעזונגטע
לאָזן הערן צוזאַמען
אויף פלעצער באַגרינטע
אין מונטערן שפּאַנען!

און רעדעס ,ווי גלעקער, —
צעוויגט און צעשאַליקט, —
צום קאַמף זאָלן וועקן
אין לענדער איך אַלע!

אויף גאַסן, אויף סקווערן,
דעם יום טוב אַנקעגן;
מיט לאָזונגען — מוטיק —
פאַרפלייצט אַלע וועגן!

מיט אייזן פון ווילנס
צעבּרעכט אַלע פּלויטן;
מיט שטאָל אין פאַרלאַנגען
פאַרניכט אַלע טויטן!

אויף גאַסן, אויף סקווערן,
דעם יום טוב אַנקעגן;
מיט אָנזאָג פון פרייהייט
פאַרשטראָמט אַלע וועגן!

זאָל ווערן דער טאָג היינט
דער שייד־פּונקט פון דורות,
די ענד פון פאַרקנעכטונג,
הכנעה און מורא!

זאָל ווערן דער טאָג היינט
דער שייד־פּונקט פון צייטן
פאַר מענטשהייט פאַר גאָרער —
פון ליידן באַפרייטער!

— 45 —

גייט אַוועק אַ יאָר אַ רויטער
אינעם מינסקער סעמינאַר —
נעם איך זיך קיין מאָסקווע גרייטן:
אַ „פּאַפּיר" אויף מיר דאָרט וואַרט;

פון דער ליטע אַ דאָקומענט,
אַ דערלויבעניש — גאָר פיין:
כ'קען צוריק אַהיים שוין קומען,
מער ניט דאַרפן עלנט זיין

נאָך אַזויפיל איבערטראָגן
(זיבן לאַנגע, שווערע יאָר);
נאָך צוויי ברידער — יונג־באַגראָבן,
נאָך אַ לעבן — אויף אַ האָר.

קלייב איך זיך אין וועג באַנייעס,
זעגן זיך מיט רויטן מינסק,
מיט די פריינט די היגע, נייע;
נאָכאַמאָל אַדיע דיר „מינסק!

— 46 —

מאָסקווע. אין פיר און צוואַנציק.
מיט פאַפירן אין דער האַנט —
בין איך אַליך ניט פריי אינגאַנצן
צו פאַרלאָזן ראַטנלאַנד.

קומט מיר אויס אין מאָסקווע בלייבן
טעג, מאָנאַטן. — באַלד אַ יאָר;
דאָקומענטן נייע קלייבן
דורכן גאָרן קאַרגן יאָר.

דאַרף מען דאָ דערווייליע לעבן
(איצט — שוין מער ניט קיין סטודענט);
פרואוו איך דאָ „אוראָקן" געבן;
טו אויך עפּעס מיט די הענט:

טוטלען קלעפּ אין אַן אַרטעל דאָ,
ביכער פּאַק אין אַ פאַרלאַג;
זעג אויך האָליך — אין ווינטער־קעלטן . . .
מצה באַק אין אַ „פּאָדריאַד".

— — — — — — — — — — — —

מאָסקווע אין יענע צייטן.
ניט נאָר מצה באַקט מען דאָרט —
מ'קען אויך דאָרטן אין יענע צייטן
הערן אַ העברעאיש וואָרט;

זען דעם „דיבוק" און דעם „גולם"
אין טעאַטער „הבימה".
אַטאָ זיך איך צווישן עולם
אינעם זאַל פון „הבימה"

און איך פלאַטער מיט די פּיעסן,
און איך טראָג זיך און איך פלי
מיט די שפּילער: צמח מעסקין,
ראָווינאַ און בן־ארי — —

— — — — — — — — — — — —

מאָסקווע אין יאָרן יענע.
אַ „לעגאַלער החלוץ"
מיט זיך דאָרט ביז גאָר ברעניק,
פּראָדוצירט דאָרט יידיש גוטס.

פּויערים, אויך סטאָליער, שלאָסער, —
אין דער שטאָט און אין אַרום;
מיט התמדה אָנגעגאָסן,
מיט חלוצישן געזשום.

מיש איך זיך מיט די חלוצים
(זענען מיר באַזונדערס נאָנט . . .);
זיץ איך אין זייערע קיבוצים —
אין חלוציות פאַרטאָן.

— — — — — — — — — — — —

מאָסקווע אין יענער תקופה,
כ'בין דאָרט שעפּעריש צעגליט ;
רוף זיך אָפּעט אָפּט אויף „רופן"
פון דער מוזע — מיט אַ ליד.

קען איך זיך מיט שמואל ראָסין,
איז אַ פריינט מיר קושניראָוו ;
איז מיר חבר אויך דאָבּרושין,
איז מיר נאָענט ליטוואַקאָוו — —

זענען נאָנט מיר גאַסן, סקווערן
פונעם רויטן ריזן־כרך ;
גלויב איך דעמאָלט : ניט נאָר „ארץ"
פירט אונדז אויפן גראָדן שליאַך.

גלויב איך דאַן אין מאָסקווער רויטער :
אויבעט רוסלאַנד ברענגען וועט
אַ דערלייזונג — ליכטיק־לויטער —
פאַרן ייד און — גאָרער וועלט.

— 47 —

איז שוין זומער פינף און צוואַנציק,
פאָר איך ענדלעך שוין אַוועק ;
כשר־ישר, פריי אינגאַנצן
לאָז איך זיך אַרויס אין וועג.

פאָר איך פון מאָסקווע קיין ריגע,
פאָר אַהינצו מיט דער באַן ;
זע דערווײַלע טאָל און היגל,
פעלד און וואַלד פון רוסן־לאַנד.

זיך ביים פענצטער, קוק אַרויסעט
צו דעם דרויסן — אַזוי ברייט.
רוסלאַנד ברייטע, רוסלאַנד גרויסע,
ווייסט נאָך אַלץ ניט פון קיין פרייד . . .

רוסן־לאַנד! מיט וויפל טויטן
האָסטו שוין באַצאָלט ביז היינט
פאַר דיין סדר פאַר דיין רויטן,
פאַר דיין נייער וואָר — צעפיינט?

רוסן־לאַנד! אין ערד אין דיינער
ליגט שוין אויך מיין טאַטע טויט,
ברידער צוויי — געראָטן — מיינע
(ערשט צעבליט זיך און — שוין טויט).

רוסן־לאַנד! איך האָב אַ חלק —
היפשלעך גרויס — אַצינד אין דיר.
נאָר כאָטש ביטער איז דער חלק —
ביסטו אַלץ נאָך נאָענט מיר.

ס'זענען נאָנט מיר דיינע מענטשן
(אויך אַצינדער ביי דיר קנעכט);
כ'טו זיך, רוסלאַנד, אויבעט בענטשן
מיט די שרייבער דיינע — עכט.

כ'ליב דיין קונסט: מוזיק, טעאַטער,
דיין פּאָעזיע, דיין געזאַנג;
האָט גאָר אָפט מיין זעל צעפלאַטערט
מיט דיין לאַנדשאַפט, ריזן־לאַנד.

כ׳האָב ביי דיר אַ סך געלערנט,
כ׳האָב ביי דיר געליטן פיל;
האָף איך, רוסלאַנד, וועסט נאָך ווערן
יושר׳דיקער, בעסער פיל.

און מיט אַ־דעם וואונטש דעם הייסן
טו איך דיך פאַרלאָזן איצט.
זאָל דיין נאָמען „רוסלאַנד גרויסע,
מער ניט זיין מיט בלוט באַשפּריצט!

— 48 —

קריק אין ליטע: אין אַ מאָרגן —
ענדע יוני — פול מיט גרוי
(גראָדע הייגט איז זון פאַרבאָרגן
הינטער וואָלקנס אינעם בלוי).

פאָר איך צו קאָוונע גרינער,
פאָר שוין דורך דער שיינער שטאָט;
קוק, מיט נייגער אָנגעפלינעט,
אַרום זיך — צו יעדן אָרט:

אַזוי לאַנג דאָ ניט געוועזן
(יאָרן — זאַט מיט נויט און פּיין);
פרייט זיך איצטער גאָר מיין וועזן:
כ׳זע אויפסניי דיך, היימשטאָט מיין!

קום איך שוין אין אַלטשטאָט אָנעט,
אין די געסלעך — קרום און שמאָל,
טראָגט דאָ אַליך דאָס אַלטע פּנים,
ווי אין קינדערשן אַמאָל . . .

קלאַפּ איך אין דער טיר שוין אָנעט
עפֿנט זי זיך — מיט אַ סקריפּ;
גלעט מיך שוין דער מאַמעס פּנים,
צערטלט מיך איר פֿרומער בליק.

— 49 —

איז נאָך דאָ אַ הײם, אַ מאַמע,
אויך אַ שװעסטער, ברידער פֿיר;
און כאָטש ענג איז יעדער קאַמער,
קלײן — די פֿענצטער, קרום — די טיר;

און כאָטש טונקל איז די דירה,
און כאָטש אַלט דאָס מעבל איז;
דאָך, פֿון אַלץ, װי דאַן, אױף מיר איצט
מיט בטחון רײזלט, פֿליסט:

מ׳לעבט זיך דורך — הגם גאָר אָרעם,
און — מען איז אַלץ גלױביק, פֿרום.
אָטאָ שטײען טאַטנס ספֿרים —
פֿול מיט לערנערשן געזשום.

ס׳איז אַ שװאָגער איצט פֿאַראַנען:
שיע־אײזיק — אַן אַנטיק;
אַ ליובאַװיטשער, אַ „תּמים"
(מיט אַזאַ מין מילדן בליק).

װאױנט דאָ מיט דער שװעסטער מײנער,
זיצט און לערנט — נאָכאַנאַנד;
הער איך אָפּטמאָל, ניט אָן תּענוג,
זײן געזאָג און זײן געזאַנג.

און די ברידער, די, וואָס עלטער, —
אויכעט זיי — נאָך פרום ביז גאָר.
בלויז די ייִנגערע — שוין „קעלטער“,
„נויגן“ שוין צו נייער וואָר.

און מיט מיר איז „עס“ נאָך מערער,
מיר איז איצטער מער נאָך פרעמד
אָדער „טאַטעדיקער דרך“,
אָדער „זיידעדיקער קלעם“.

איז מיר דאָ ענג אָפט — נאָך יאָרן
רוסישע — מיט קאַמף צעקוועלט . . .
חלום איך פון ווידער פאָרן —
ערגעץ אַנדערש אין דער וועלט.

— — — — — — — — — — — —

נאָר דערווייל איך בין אין ליטע
(און די היים — אין נויט פאַרשפינט);
נעם איך שרייבן אין „הד ליטא“ —
פאַר אַ נישטיקן פאַרדינסט.

נעם איך אָנטייל אין „נתיבות“
מיט אַ סיפור, מיט אַ שיר
(דריי זיך איצטער אין אַ סביבה —
ציוניסטיש — נאָענט מיר . . .).

— — — — — — — — — — — —

דרוק איך אויך אַ זאַמלונג לידער:
ערשטער בוך מיינס — „בלויע גנאָד“.
דאָך בין איך אַליין ניט צופרידן,
דאָך איז עפּעס מיר אַ שאָד.

ווער איך שפּעטער־צו אַ חלוץ,
פֿאַר אין מעמעלשן „געביט"
(פּרואוו פֿאַרוווירקלעכן אַ חלום —
לאַנג שוין אין מיין זעל צעגליט).

נאָר פֿאַר שווערער מי, אינדרויסן,
מיט אַ רידל, מיט אַ פּלוג,
טויג איך, ווייזט אויס, קנאַפּ זיך אויסעט,
איז מיין כוח ניט גענוג.

(א ירושה פֿון מיין טאַטן,
פֿון ישיבות אַלערליי;
פֿון אַ קינדהייט — פֿול מיט מאַטער,
פֿון אַ יוגנט — פֿול מיט וויי).

ווער איך צווישן די חלוצים
אַ קולטורניק — לערן דאָ
עברית־לשון אין צוועלף קבוצות;
קנעל אַ יעדע פֿרייע שעה.

פֿיר אויך שמועסן מיט זיי דאָ
וועגן „ארץ", ייִד און וועלט — —
שפּאַן איך איצט אַרום כסדר
איבער וועגן, לאַן און פֿעלד.

שפּאַן אַרומעט איבער קבוצות
אויף אַ שטח — הונדערט מייל;
גייַ צופֿרידן, גייַ חלוציש,
מעסט מיט חשק יעדן מייל.

ס'איז מיר טייער אָ־די „שטעלע"
(באמונה אויסגעפּילט).
דאָ, אין „ליטע־גליל", וועל איך
גרייכן דאָס, צו וואָס איך ציל.

— 51 —

גייען טעג אין „ליטע־גליל",
גייט אַ יאָר אַזוי אַוועק;
ווי אַ לערער און אַ חלוץ
מעסט איך אַלץ סיי פעלד, סיי וועג;

גיי אַרומעט איבער וועגן
סיי אין פרילינג, סיי אין האַרבסט;
סיי אין לינדע זומער־רעגנס,
סיי איןווינטער־קעלטן — האַרב.

טו די קבוצות אַלץ וויזיטן,
ווער מיט זייער גייסט באַרייכט;
ווער מיט כל המיני „טיפּן" —
ווי אַ שרייבער — פול און רייך.

האָב איך נאָכדעם זיי באַזונגען
אין צוויי ביכער — פּראָזע, ליד;
זייער לעבן אויסגעזונגען,
זייער חלום — העל צעבליט.

— 52 —

קריק אין קאָוונע גרינער, שטילער,
קריק אין אָרעם־גרויער היים;
ניט דערהערט עס איז מיין תפילה
פאַר אַן ארצ'דיקער היים.

כ׳קען אין „ארץ״ אַלץ ניט פאָרן —
העלפן דאָרט אין שטרענגער וואָר:
ס׳הערשן דאָרטן קריזיס־יאָרן
און — וואָס קען איך אויפטאָן דאָרט

מיט מיין כוח מיט מיין שוואַכן,
מיט מיין קלויזניקישן גוף:
מעסטן ארצ׳דיקע שליאַכן?
שעפּן ארצ׳דיקע לופט?

מ׳דאַרף דאָרט יידן — שטאָל און אייזן:
פּראַצעוועך זיי זאָלן שווער;
גבורה פיזישע באַווייזן
אויף דער מדברדיקער ערד.

מ׳דאַרף דאָרט פּעלזיקע חלוצים —
אויף אַ יעדן קער און ווענד;
סיי אויף פּליינען, אין די קבוצות,
סיי אין שטעט, ביי הויכע ווענט.

— 53 —

גייען וויטערדיקע יאָרן
(פול מיט זיך און אויך מיט כלל);
כ׳בין אַ סעקרעטאַר געוואָרן —
האָב צו טאָן מיט אַ זשורנאַל;

האָב צו טאָן מיט שרייבער, דיכטער:
גרינבלאַט, היימאַן, קאַפּלאַן, נאָך — —
(און איך גופא טו אַלץ דיכטן,
מאַך אַלץ יום טוב פון דער וואָך).

נאָר פֿאַרדינסט — אויף שפּיץ פֿון גאָפּל,
נאָר די לוין — אַ ביסן — האַרט
(און אין שטוב די נויט — פֿאַרטאָפּלט —
יעדערן אין קלעם זי האַלט).

גייט מיר אָפּט ניט איין די פֿרייד דאָ
פֿון מיין דיכטונג, מיין געזאַנג;
ווערט מיר אָפּטמאָל שווער אַזוי דאָ —
כאָטש נעם קלאַפּט זיך קאָפּ אָן וואַנט.

— 54 —

רעדט מיר מאַמע גאָר אַ שידוך:
פֿיר און צוואַנציק איז מיר שוין;
און פֿאַר מיינע מעשׂיות, לידער
קריג איך אַלץ אַ הונגער־לוין;

טויג די דאָזיקע „מלאכה"
אויף כּפּרות, אויף „סים סאָט";
ס'איז אַ בראָך און ניט קיין ברכה
קיין גרויסאַרטיקע פֿון גאָט . . .

איז אַ מיידל דאָ פֿאַראַנען
(פֿון מיין קינדהייט מיר באַקאַנט);
חנה־רייזל איז איר נאָמען,
גאָר אַ גוטע, אַ „בריליאַנט".

איז איר טאַטע, קאַץ דער קרעמער,
אַן אָגולניק — „אָנגעשטאָפּט";
וויל ער זיך אַן איידעם נעמען —
אַ מלומד, מיט אַ „קאָפּ".

גיט דעם איידעם נדן גרויסן,
וועט אים עפּענען אַ קלייט —
ווי בײַ זיך, דעם וואַזשנעם עושר,
פֿול מיט שפֿע און מיט פֿרייד.

וועל איך גאָר אַ קלייטניק ווערן,
וועל פֿאַרקויפֿן זאַלץ און טיי,
קעז און צוקער, אויל און הערינג,
בולבעס, גרויפּנס אַלערליי — —

וועל איך דעמאָלט זיין שוין זיכער
סײַ מיט ברויט און סײַ מיט פֿלייש;
מער ניט דאַרפֿן שרייבן ביכער,
וויסן פֿון אַ לעבן — „גרויס".

— 55 —

האָט דאָס מיידל זיך באַוויזן
אויפֿן שוועל פֿון אונדזער היים;
האָב איך באַלד דערזען: דאָס איז זי
(כאָטש געקענט זי, ווען נאָך קליין).

איז אַ שכנה אונדז געווען דאָ,
אין מיין קינדהייט — אַזוי ווייט:
האָט מיט אויגלעך — גרין — געבלענדעט,
מיט אַ פּנימ'ל — פֿאַרשייט.

איז אַ שטיפֿערקע געוועזן
גאָר אַ גרויסע אינעם הויף,
וואו מיר זענען דאָן געזעסן
(אַ געפּאַקטער „עמך"-הויף).

פלעגט זיך דראַפּען אויף פּאַרקאַנעס
מיט די ייִנגלעך פון אַרום
(און איך פלעג זיי זיין מקנא,
ווייל געמוזט זיין גוט און פרום;

ווייל אין קלויז האָב אַלץ „געצינגלט",
אין ישיבה אַלץ פאַרבראַכט;
אַן אַכט יאָריק ערנסט ייִנגל —
אָן אַ שטיף און אָן אַ לאַך).

זע איך איצטער אָ־דאָס מיידל —
יונג און שיין — אין הויז ביי אונדז;
אָטאָ זיצט זי, חנה־רייזל, —
פול מיט פרילינג און מיט זון;

רייך און מאָדיש אָנגעטאָנעז,
מיט געלאָקטע „פאות" צוויי;
זיצט און חנ'דלט מיטן פנים,
מישט אַ לעפעלע אין טיי;

רעדט אַלץ פון איר טאַטנס גליקן,
פון זיין קלייט — אין שטאָט באַוואוסט;
שענקט דערביי מיר „גוטע" בליקן —
פול מיט צערטל און מיט קוש.

טראַכט איך: אפשר פאָלגן מאַמען —
נעמען זיך אַזאַ מין ווייב;
האָבן קינדער מיט אַזאַ מין,
נחת'ן פון געלט און לייב.

זע איך זיך שוין אַ באַווייבטער,
האָב אַ טלית, טראָג אַ באָרד;
און מיין אשה, אַ באַלייבטע,
שענקט אַ קינד מיר יעדן יאָר.

און איר קראָם ביי מיר — אַ שפע,
און די קונים — קאָפּ אויף קאָפּ;
טו איך „מיט אַן עמער" שעפּן,
ווער אַלץ מערער „אָנגעשטאָפּט".

האָב איך ניט נאָר ווייב און קינדער,
האָב איך ניט נאָר קלייט און געלט;
האָב איך אויך „פּאָטשאָט" אַצינדער —
אין דער גאָרער קרעמער־וועלט.

— 56 —

איז שוין אוים מיט אָ־דעם שידוך
(כ'האָב דער מאַמען ניט געפאָלגט);
שרייב איך ווייטער מעשיות, לידער,
לעב איך ווייטער „אָן אַ טאָלק".

מאַך איך איצטער אָפטע רייזעס
איבער קליינעם ליטע־לאַנד;
טו זיין ברייט און לענג באַרייזן
סיי מיט פור און סיי מיט באַן.

פאַר אַרומעט אין אַ שליחות
פון זשורנאַל, וואו כ'אַרבעט מיט;
סיי אין ווייסע ווינטער־וויכערס,
סיי אין זומער — גרין צעבליט;

סיי אין צוויט פון בלויעם פרילינג,
סיי אין אָסיען — געל און רויט;
איבער שטעט און שטעטלעך שטילע
(גראַם אין וויסן, ענג אין ברויט).

שטעט און שטעטלעך ליטוויש־גרויע;
כ'האָב דערקענט דאַן אייער וואָר,
אייער ייד — אין פרייד, אין טרויער, —
אַלט שוין זיבן הונדערט יאָר.

ליטע־ייד! פון שיכטן אַלע,
רייך און אָרעם, פרום און פריי;
פול מיט מוסר און השכלה,
פול מיט אַלט און פול מיט ניי;

פול מיט קלויז און קלוב און קרעמל,
מיט ישיבה און וואַרשטאַט — —
ליטע־ייד, פון זשיים ביז מעמל,
פון גודלעווע ביז דוסיאַט;

פוןווירבאַלן ביז פאַלאַנגע,
פון גערדעוויץ ביזקל גאָרזד;
ליטע־ייד — פול יידיש־קלאַנגען,
ליטע־ייד — פול עברית־וואָרט.

כ'האָב דיך, ליטע־ייד, באַשריבן —
און באַזונגען — ניט איין מאָל;
ליטע־ייד געלאַסן־ליבער,
לאַנג פאַרשטומט שוין איז דיין קול.

ס'האָט אַ פּיינט אַ וואָלפיש־ברוינער
אָפּגעווישט דיך פון דער ערד —
פאַר די מעשים דיינע ריינע,
פאַר דיין קיום — פול מיט ווערט;

פאַר דיין תפילה און דיין תורה,
פאַר דיין יושר און דיין הילף — —
ליטע־ייִד, פון דורי־דורות,
ליגסט פונלאַנג שוין איינגעשטילט.

— 57 —

קומט אָן אָסיען נייַן און צוואַנציק,
אין ניו יאָרק — אַ גרויסער קראַך;
ווערן מענטשן „רייַך" אינגאַנצן —
כאָטשבי זאָג „אַ גוטע נאַכט".

שטאַרבן פיל פון זיי — דערשלאָגן,
גייען „פרייוויליק" אַוועק;
און פיל אַנדערע זיך פּלאָגן —
אָן אַן אויסגאַנג, אָן אַ וועג.

רופט זיך אָפּ דער קראַך דער גרויסער
וואו אַ לאַנד און וואו אַ קאַנט;
ווערט אויך אין דער ליטע חושך;
רונדאַרום — כאָטש טאַפּ אַ וואַנט.

בין איך ווידער אָן שום אַרבעט,
אויפדאָסנייַ אָן שום פאַרדינסט;
ציען טעג זיך ביטער־האַרבע —
אין אַ יאוש איינגעשפּינט.

קומט מיר אָן אַ בריוול פּלוצים
פון אַ ווייטן, קאַלטן לאַנד:
אויב איך, גאָטליב, בין מרוצה, —
שרייבט צו מיר אַ יונגערמאַן, —

קען ער מיר „פּאַפּירן" שיקן —
קיין קאַנאַדע קומען כ'זאָל;
ס'וואַרטן אפשר ניט קיין גליקן
דאָרט אויף מיר; אין מאָנטרעאל;

אָבער ברויט וועט מיר ניט פעלן
און — איך קען נאָך ווערן רייך:
ס'איז קאַנאַדע יונג און קוועליק,
ס'איז קאַנאַדע גרויס און רייך.

און ווער איז ער, אָ־דער גוטער,
אָ־דער ליבער יונגערמאַן
(מיר צו ווייזן אַזאַ גוטסקייט,
אויסצושטרעקן אַזאַ האַנט)?

איז זיין נאָמען שלום שטערן —
אַ משורר — יונג צעבליט.
טוט ער דאָרטן לעצטנס הערן
פון מיין נאָמען און מיין ליד.

אָטאָ לעזט ער מיינע לידער
אין אַ ניו יאָרקער זשורנאַל —
שעפּט ער נחת פון די לידער
פול מיט ערד און זון־געשטראַל . . .

ווײל ער נעבן זיך מיך האָבן —
ס׳עט אים וואָרעם מיט מיר זײַן . . .
קען איך די „פּאַפּירן״ האָבן
גאָר אינגיכן — דאָרט באַלד זײַן.

האָב איך אויפגעפּראַלט די אויגן:
אָטאָ איז אַן אויסוועג מיר;
ניט געפאָרן, נאָר געפלויגן
וואָלט איך, שלום, איצט צו דיר!

קריג איך גיך אָ־די „פּאַפּירן״,
און — פאַרדינען „א,ייפן וועג״ —
לאָז איך זיך — אין ווינטער־קרירה —
אויף אַ לעקציע־טור אַוועק.

— 59 —

שטעט און שטעטלעך ליטוויש־ליבע,
נאָכאַמאָל איך טו אײַך זען;
כ׳קום אַצינדער, מײַנע ליבע,
זיך מיט אײַך געזעגענען.

כ׳קלײַב זיך אין אַ לאַנד אַ ווײַטן —
אַזוי גרויס און אַזוי רײַך:
נאָר אויך דאָרט, אויף ערד אויף ווײַטער,
ניט פאַרגעסן וועל איך אײַך;

ניט פאַרגעסן אײַער קלײנקײט,
אײַער גרויקײט, אײַער נויט
(פול נשמה׳דיקער שײנקײט,
פול מיט מאָרגנדיקן רויט);

ניט פֿאַרגעסן אייער קיום —
קאַרג אין קמח, זאַט מיט גייסט;
אייער שטענדיקע „עליה" —
פֿונעם עופֿ'ל ביזקל גרייז;

ניט פֿאַרגעסן וועל איך דאָרטן
אייער יוגנט — פֿול מיט דראַנג;
פֿול מיט הויכע שאַפֿונג־סאָרטן,
פֿול מיט וויסן און געזאַנג.

אָטאָ שטיי איך אין לאָקאַלן —
וועגן דיכטונג רעפֿעריר;
און פֿון פּנים'ער — צעשטראַליקט —
אַזאַ אייפֿער פֿלייצט אויף מיר.

פֿול איז יעדער זאַל מיט יוגנט;
יעדנס אויגן — פֿול מיט דאָרשט
(און די אויערן, ווי קרוגן,
שעפּן אַלץ — מיין יעדן וואָרט).

שטעט און שטעטלעך אין דער ליטע:
ווילקאָווישק און בוטרימאַנץ;
פּאָסוואָל, שאַוול און אַליטע,
סימנע, מערעץ און קיידאַן;

טאַווריק, יורבורג, איראַגאָלע,
קעלעם, לוקניק, ווילקאָמיר;
שטעט און שטעטלעך — אַלע ,אַלע
וועט איר דאָרטן נאָכגיין מיר — —

קומט אָן פרילינג נײַנצן דרײַסיק,
קומט אַ מאַי־טאָג — יונג צעגרינט;
אײַנגעבונדן ליד און מעשׂה,
העמד און האַנטוך, אַלעסדינג;

בין איך גרייט שוין צו מײַן פאָרן,
גרייט זיך שיידן מיט דער היים;
און דער טאָג איז אַזאַ קלאָרער,
העלט מיט זון אין הימל־פּליין.

נאָר זײַן העלקייט פרייט הײַנט ווייניק,
פאַרקערט גראַדע: דווקא הײַנט
נאָגט אין האַרצן „ביז צום ווײַנען"
איז נשמה דין צעפּײַנט:

ווידער פאָר איך, ווייט אַזוי־אָ,
און די ליבסטע בלײַבן דאָ:
מאַמע אַלטע — פול מיט טרויער
אין אָ־דער געזעגן־שעה;

שוועסטער צאַרטע — פייכט די אויגן;
ברידער פיר — פאַרטריבט אַזוי;
גאָר די דירה — אײַנגעבויגן,
יעדער ווינקל — טונקל, גרוי;

גאָר די אָרעמקייט די פרומע;
גאָר דער זײַן — מיט גאָט באַ'עול'ט.
כ'נעם דיך, היים מײַנע, אַרומעט
אפשר שוין צום לעצטן מאָל.

בלייבט געזונט מיר, מאַמע, ברידער!
שוועסטער מיינע, בלייב געזונט!
זעען מיר זיך ווען נאָך ווידער?
אין אַ טאָג, ווי היינט — באַזונט?

לאָמיר האָפן, לאָמיר וואַרטן,
לאָמיר זאָגן זיך, אַז יע.
און דערווייל — אַ באַן עס וואַרט שוין.
האַרציקסטע! אַדיע, אַדיע — —

— 61 —

בין איך שוין ,דעם טאָג דעם צווייטן,
אינעם ריזן־כרך בערלין
(אויף מיין וועג, צום לאַנד צום ווייטן,
כ׳וויל אַ וואָך דאָ, אין בערלין;

שפּאַן אַרומעט איבער גאַסן —
דעמאָקראַטיש דעמאָלט נאָך;
טו פֿון גייסט פֿון היגן נאַשן,
פֿון דער קונסט — אַ גאַנצע וואָך.

טרעף זיך מיט קינסטלער יידן — —
גראַנאַך, זינגער, בערגעלסאָן — —
ס׳איז בערלין דאַן פֿול מיט יידן;
וואו איך גיי — איך טרעף זיי אָן.

שפּאַן איך אויך מיט זיי אַרומעט,
שפּיר דערביי זיך היימיש, גוט.
ס׳איז נאָך דייטשלאַנד ניט פֿאַר׳טומאה׳ט,
פֿלייצט נאָך ניט מיט יידן־בלוט).

לייענט בערגעלסאָן זיין „פּענעק"
אין ראָמאַנישעס קאַפּע ;
זיצן מיר, אַ קרייז — באָהעמיש —
אַרום אים דאָ אין קאַפּע :

איך און קלאַצקין, פינק און טשאַרני,
אָלשוואַנגער און ראָזענפעלד — —
לעבט דאָ אויך, אין „קיבעצאַרניע",
בערגעלסאָנס באַרימטער העלד.

דרינגען אין מיר שורות, ווערטער
פונעם שעפער — פול טאַלאַנט ;
אַן איך ניט : עס וועלן מערדער
טויטן אים דאָרט, אינעם לאַנד,

וואו זיין פּענעק זיצט גאָר אויבן
און וואוהין ער, בערגעלסאָן,
קלייבט זיך פאָרן, פול מיט גלויבן,
אָנצוהויבן דאָרט אַ קאָן

פון יצירה — „פּראָלעטאַריש"
(פול מיט לענין און מיט מאַרקס ;
פול מיט סטאַלין — פינצטער, צאַריש,
פול מיט ר ו י ט ן קנעכט און האַר).

בערגעלסאָן ! געשטאַלטער גרויסער,
מיט אַ פעדער — אַזוי קלוג ;
ס'האָט שוין דאַן אַ נאַכט, פול חושך, —
אַזש פון „דאָרט" — אויף דיר געלוגט

און געפּאַקט דיך האָט זי דאָרטן,
דיך און נאָך קאָלעגן פיל;
אַלע אייך — מיט ערד פאַרשאָטן,
אַלע אייך — אין זיך פאַרהילט.

— 63 —

פאָר איך פון בערלין שוין אָפּעט,
קום אָן אין דער „שטאָט פון ליכט"
(איידער איך פאַרלאָז אייראָפּע —
מיטנעמען איך וויל מיט זיך —

היטן אין זכרון מיינעם —
שיינקייט אירע — זוניק, העל:
זי זאָל וואַרעמען, באַשיינען
אין קאַנאַדער קאַלטער וועלט).

מעסט איך שוין פּאַריזער גבול'ן,
מעסט בייטאָג אוים גאַס נאָך גאַס;
און ווען אָוונט „זיך צעהוליעט",
זיץ איך שוין אויף מאָנפּאַרנאַס

מיט אַ חבר מיינעם איינעם,
אהרן גאָלדבלאַט רופט מען אים;
אַ פּאָעט פון שירים שיינע
(פון דער ליטע קען איך אים).

זיצן מיר דאָ אין קאַפעע,
זופּן וואָס און — ריידן פיל . . .
און די שעה'ן גייען, גייען, —
אין אינטימקייט איינגעהילט.

גיי איך זען אין לוואוור בילדער —
ווערן מיר די אויגן פול
מיט קאָלירן מיט צעשפּילטע —
אָן אַן ענד און אָן אַ גבול ;

וואונדערווערק פון מאַלער — מייסטער :
שפּאַניער, ענגלענדער, פראַנצויז ;
פלעמער, האָלענדער, באַגייסטערט.
איטאַליענער — הערלעך, גרויס.

אַ פּאַראַד . . . אויף ווענט אויף אַלע.
לייב אַזויפיל — פול מיט רייץ ;
פעלד און וואַלד און וואַסער־שטראַליק ;
שטאָט און דאָרף און — גאָט אויף קרייץ...

— — — — — — — — — — — —

גיי איך אויבעט אין מוזייען,
קום אין פּאַנטעאָן אַריין ;
שפּיר דאָ : דורות אויף מיר ווייען —
פול מיט טאַט און הויכן זיין.

— — — — — — — — — — — —

מעסט איך אַלץ פּאַריזער שטרעקעס,
פון פּאַריזער גייסט געניס — —
גייט אַ וואָך אַזוי אַוועקעט
אין דער „שטאָט פון ליכט" — פּאַריז.

— 65 —

בין איך שוין אין פּאָרשטאָט האַווער,
זעץ זיך אויף דאָ אויף אַ שיף ;
אָטעם איינעט יאַמיש אַוויר,
יאַמיש וואַסער זע פאַר זיך.

יאַמיש וואַסער! ים־סטיכיע!
איר זענט מיר פונלאַנג באַקאַנט;
שוין געמאַכט אויף אייך נסיעות —
אין אָדעס, אין מעמעל־קאַנט:

אויף דער רחבות פונעם באַלטיק,
אויף דער ברייט פון שוואַרצן ים;
און פון דאַן אָן איר מיר שטראַלט אַלץ
אייער כוואַליקער געזאַנג.

נאָר אַט יענע וואַסער־רייזעס —
קורצע זענען זיי געווען;
שעה'דיקע וואַסער־רייזעס,
אויף אַ שיף מיט קנאַפּ פּאַרנעס.

איצטער אָבער טו איך שווימען
ניט איין שעה — אַ גאַנצע וואָך;
זע פאַר זיך אַלץ ים און הימל
(און מיר ווילט זיך נאָך און נאָך).

זע די שיינקייט פון אַטלאַנטיק —
סיי אין רו און סיי איןווינט;
סיי מיט זונגאָלד אָנגעגלאַנציקט,
סיי מיט וואָלקנס גרוי באַשפּינט.

— 66 —

קייטלען זיך אויף דעם אַטלאַנטיק
טעג און נעכט — אין רויש, אין שטיל;
ועקן זיי אין מיר געדאַנקען,
ועקן זיי געפילן פיל;

װעקן פֿרייד און װעקן טרויער,
װעקן יאָרן — לאַנג אַװעק;
בליִען אין מיר װערטער בלויע
אויף דער שיפֿיש־לאַנגער דעק.

איז די מוזע צו מיר גנעדיק —
שענקט זי מיר דאָ לידער פֿיל;
פֿיבערן פּאַפּיר און פֿעדער
מיטן ברויז פֿון מײַן געפֿיל . . .

שרײַב איך אָן אויף רײַזע יענער
שירים טויעדיקע צען;
פֿול מיט יאַמיש־גרינע טענער,
פֿול מיט העלן זון — געבלענד.

— 67 —

זע איך שוין קאַנאַדער ברעגן,
בין אין האַליפֿאַקסער פּאָרט;
נעמט מיך דאָ אַ צוג אויף װעגן
פֿון דער נײַער — היגער — װאָר.

קלאָרט אינדרויסן אַ פֿרימאָרגן —
זומערדיק, אין גרין צעשפּרייט;
טוט דער צוג דער גיכער יאָגן
צווישן פֿעלדער — לאַנג און ברייט;

צווישן װעלדער אַלט־געדיכטע,
צווישן בערג — באַקרוינט מיט פֿעלז;
צווישן טײַכן — שטראַליק, ליכטיק,
צווישן טאָלן — זון באַהעלט.

זיץ איך אינעם צוג אין שנעלן
קוק אינדרויסן אַלץ אַרוים;
גייט לאַנד איז מיר געפעלן:
אַזוי יונג נאָך, אַזוי גרוים;

אַזוי ווילד נאָך — אינדיאַניש . . .
אַזוי קרקע־בתולה׳דיק . . .
גלויב איך: אויך פאַר מיר פאַראַן איז
אינעם לאַנד דאָ עטוואָס גליק . . .

זיץ איך פריידיק, פול מיט גלויבן.
און דער צוג, ער טוט זיך זיינס;
אָט איז שוין דער טאָג פאַרפלויגן,
אין וואַגאָן אַ שקיעה שיינט.

ס׳קומט אַ נאַכט אָן אונטערוועגנס,
אַ צעיאָגטע טרייסל־נאַכט;
הוידע איך זיך אויף די וועגן
צווישן שלאָף און צווישן וואַך.

ביז אַ פרוי אין בלוי צעוועקט זיך,
זעט: דער צוג — ער טראָגט זיך אַלץ;
צווישן לאַנגע טוי־באַדעקטע,
צווישן בערג — אין זריחה־שטראַל;

צווישן וועלדער — אויסגעשלאָפן,
צווישן דערפער — וואַך אויפסניי;
צווישן שאַניקע אין־סופן
פון אַן ערד — סיי רייך, סיי פריי.

מאַך איך גרייט זיך: גאָר אינגיכן
קומט די לעצטע סטאַנציע אָן.
אָטאָ יאָגט דער צוג נאָך גיכער,
ס'לויפן סטאַנציעס גיכער אָן.

ביז אַ שטאָט זיך ווייזט אינווייטן,
נענטערט זיך אין בלויעם פרי,
העל צעזונט אויף אַלע זייטן,
יונג צעגרינט, אין יוני־בלי.

זע איך קוימענס פון פאַבריקן,
זע איך קלויסטערס — הויך און ברייט;
ציען זיך פאַר מיינע בליקן
מויערן — סיי הויך, סיי ברייט.

זע איך גאַסן אַספאַלטירטע —
מיט געהאַווע אָנגע'עול'ט — —
אַ גוט־פרי דיר, זון באַצירטע,
זומערדיקע מאָנטרעאָל!

דריטער טייל

— 1 —

מאָנטרעאַל, אין פינף און פערציק,
ס'גרייט אַ פרילינג אויפּדראָסניי;
שפּילט אין אויגן, זינגט אין הערצער
מיט אַ זומער־העלער נײַס:

ס'איז שוין שלום דאָרט, אין לענדער
פון אייראָפּע — האַלב פאַרוויסט;
ס'דראָעט ניט מערער קיין פאַרלענדונג,
ניט מען הענגט מער, ניט מען שיסט.

מ'וואַרפט ניט מער קיין באָמבעס דאָרטן
אין די שטעטלעך, אין די שטעט;
ס'פאַלן מער ניט אייך, ווי קאָרטן,
הייזער־דעכער, מויער־ווענט.

רואיק איז שוין אויף די וועגן,
שטיל איז שוין אויף לאַן און פעלד;
ס'נעמט אַ לעבן — ניי — זיך וועבן
אויף די חורבות, אויפן תל

פון די דערפער און די כרכ'ן,
פון אַ יידן־לאַנד און פאָלק;
פעלקער, לענדער, דערפער, כרכ'ן, —
מיט געבוי באַניים בּאַ'עול'ט.

רוס און פאָליאַק און ליטווינער,
גריך, נאָרוועגער און פראַנצויז,
לעט און טשעך און אוקראַאינער,
יעדע אומה, קליין און גרויס, —

אויפדאָסניי מע טוט זיך מיען
אויף דער אייגן־פרייער ערד:
ס'איז ביים שונא שוין נאָך שקיעה,
ס'עט שוין פיינט ניט אויפשטיין מער — — —

— — — — — — — — — — — —

בלויז דער ייד איז איינגעבראָכן,
טיף אין טרויער אָנגעטאָן;
ס'פרייט אים קנאַפּ־וואָס דער נצחון;
ס'פעלן איצט אים — זעקס מיליאָן;

ס'פעלן זיידעס, באָבעס, מאַמעס,
ס'פעלן טאַטעס, קינדער פיל;
אַלע זיי — צערייבט אין פלאַמען,
אַלע זיי — אין נאַכט געהילט.

באַלד זעקס יאָר האָט דייטשלאַנד־פייער
אַלץ געפלאַקערט, אַלץ געברענט;
באַלד זעקס יאָר האָט אַ לוויה
זיך געצויגן — אָן אַן ענד

(פון אָסלאָ ביז סאַלאָניקי,
פון באָרדאָ ביז לענינגראַד;
פון נעאַפּאָל ביז העלסינקי,
פון בערלין ביז סטאַלינגראַד) —

דייטשלאַנד, היים פון קאַנט און געטע,
פון בעטהאָווען און פון באַד,
באַלד זעקס יאָר האָסטו געשמעטערט
אומה מיינע — טאָג און נאַכט.

האָסט אַ לערע זיך געשאַפן,
אַ טעאָריע אויפגעשטעלט
און אַרויסגעט, שווער באַוואָפנט,
איינגענעמען די גאַנצע וועלט:

— וועלט, זי איז גאָר פאַר די שטאַרקע,
רעכט אויף לעבן נאָר פאַר זיי;
און פאַר שוואַכע — בלויז אַ קרקע:
אויף באַגראָבן אַלע זיי;

— דייטש, ער איז די העכסטע ראַסע,
ייד — די נידעריקסטע איז;
דאַרף מען יידן־פאָלק צעקאַשן,
דאַרף ער ווערן אָפּגעווישט:

דורך פּאָגראָמען, קעלט און הונגער,
„דעפּאָרטאַציעס", גאַז און פלאַם — —
האָסטו באַלד זעקס יאָר געשונדן,
האָסטו באַלד זעקס יאָר גע'סמ'ט.

איז ניטאָ מער וואַרשע, קראָקע,
ווילנע, לעמבערג — „יודען־ריין";
אויסגעראָטן — סיי יונג, סיי זקן,
אָפּגעמעקט — סיי גרויס, סיי קליין.

איז ניטאָ מער פּוילן, ליטע,
איז גאַליציע מער ניטאָ;
האָלאַנד, בעלגיע — באַלד פאַרשניטן,
יוגאָסלאַוויע — באַלד ניטאָ — —

דייטשלאַנד, פאָלק פון דיכטער, דענקער,
דייטשלאַנד, אומה — פול מיט סדום, —
אייביק וועט דער ייד געדענקען,
וואָס דו האָסט מיט אים געטאָן — — —

— 2 —

מאָנטרעאל, אין פינף און פערציק,
נייער זומער גרינט און העלט;
זונט אין אויגן, וואַרעמט הערצער:
גוט איז לעבן אויף דער וועלט.

ווייזן זיך שוין ערשטע שרידים
פון די „אויוונס", פונעם גאַז;
טרעף איך אָן זיי, אַ־די יידן,
אין אַ הויז וואו, אויף אַ גאַס.

גיבן זיי מיר גרוסן אָפּעט
פונעם חורבן — אַזוי גרויס;
פון די גריבער, וואו פאַרקאָפּעט —
לעבעדיק נאָך — קליין און גרויס;

פון די גרוילן אין די געטאָס,
פון די „אַקציעס" — פול מיט שרעק,
פון דער אימה אין קאַצעטן,
פון הריגה אָן אַן עק — — —

הער איך אוים זיי טיף צעפייניקט
הער איך אוים זיי פול מיט ווי.
פרעג איך זיי אויף היים אויף מיינער:
האָט דאָרט ווער געזען פון זיי

עמעצען פון מיין משפחה
איז נאָך דאָרט געבליבן ווער?
ענטפערט מען מיר, שטיל, צעבראָכן:
נייך, ניטאָ שוין קיינעם מער.

אַלע, אַלע: אַלטע מאַמע,
ברידער, שוועסטער, יעדנס קינד, —
זיך צעאַשיקט אין די פלאַמען,
זיך צעווייט, ווי שטויב אין ווינט ——

זע איך היים מיינע פּאַרוויסטע
דאָרט, אין גרינער קאָוונע־שטאָט;
זע איך טייערסטע און ליבסטע —
ביזן לעצטן אויסגעראָט;

זע איך קאָוונע־גאַסן — ליידיק,
קאָוונע־הייזער — „יודען ריין";
ווייס איך מער ניט פון קיין פרייד דאָ,
בין איך פול דאָ מיט געוויין.

זע איך ליטע אָרעם־גרויע,
שטעט און שטעטלעך — טרויעריק
שניידט מיך דאָ אַ שאַרפער טרויער,
וואַרגט מיך, ווי אַ תליה־שטריק.

גייט דער זומער מער ניט איין מיר,
פרייען מער ניט גראָז און בוים;
זע איך אַלץ פאַר זיך, צעפייניקט,
מאַמעס גוף — צערויכט אין רוים.

הער איך אַלץ אין שפּיל פון בלעטער,
אינעם ניגון פונעם ווינט,
קרעכץ פון ברידער־דאָרט, אין געטאָ,
זיפץ פון יעדן זייער קינד.

הער איך אַלץ אין פויגל־קלאַנגען
(אין אַ פּאַרק וואו, אויף אַ גאַס)
שוועסטערס לעצטן הויך — פאַרגאַנגען
אין אַ צעל דאָרט — פול מיט גאַז — — —

— 3 —

גייען נאָך מלחמה־יאָרן,
מאָנטרעאל — זי וואַקסט, זי בליט;
שטייגט אין הימל גרויעם קלאָרן,
אויף דער ערד אַלץ מער זיך ציט,

טוט מער יאָגן, טוט מער רעש׳ן,
ווערט אַלץ פולער מיט געקאָך —
קומען אויפעט נייע גאַסן
דורך איין חודש, דורך איין וואָך — — —

טוען געגנטן דערשיינען —
וואו געווען ערשט לאַן און פעלד;
קומען פאַרשטעט אויפעט — שאַיניק —
ביז גאַר איילינק, ביז גאַר שנעל:

קאָוט סט. לוק און פּאַר קעקסטענשאָן,
סנאָודען, העמפּסטעד, סענט לאָראַן — — —
ס׳עט שוין באַלד ביז די לאָרענשאַנס
אויסשטרעקן די שטאָט איר האַנט — — —

— — — — — — — — — — — —

ווערט מיר ענג דאָ אין געטומל,
ווערט מיר שווער דאָ אין געיעג
קלעמט אַן עלנטקייט אַרומעט
מיינע נעכט איצט, מיינע טעג.

מ׳קלייבט אַצינד זיך אַלץ אַרויסעט
פון די קאַטבערטס, פון די קלאַרקס;
מ׳בויט זיך אויפעט הייזער גרויסע
ווייטער אַלץ פון רייטשעל־מאַרק;

ווייטער אַלץ פון די סענט אורביינס,
פון די בעגס און פון די ראָי׳ס — —
זעט מען איצט אויף די סענט אורביינס
אויגן, צורות, — פרעמד אַזוי:

אימיגראַנטן כל המינים:
דייטש און פּאָליאַק, עסט און סערב;
פּאָרטוגעזער, שפּאַניער, פינער,
איטאַליענער — מער און מער.

וואוין איך איצט מיט זיי באַרינגלט —
אויף אַ רוישיק־ענגער גאַס;
הער דאָ פרעמדע שפּראַכן קלינגען,
טרעף דאָ בליקן — פול מיט האַס.

אָטאָ־דער קען זיין פון ליטע:
בייז געזיכט און — מאָרד אין בליק;
האָט, קען זיין, אַדאָרט, אין ליטע,
מיין משפחה אויסגעשטיקט — —

און אָ־דער־אָ טוט מיך שטעכן
מיט אויגאַנעס — פול מיט סם;
איז, ווייזט אויס, אַ דייטש־פאַרברעכער,
האָט אַדאָרט געָ'סמ'ט מסתם — —

— 4 —

גייען נאָך מלחמה־יאָרן,
מאָנטרעאַל אַלץ רייכער ווערט.
איך בין אָבער אויך איצט אָרעם,
האָב אויך איצטער גאָר קנאַפּ געלט.

בין דערזעלבער וואָס געוועזן,
אַלץ פאַרטאָן אין מעשה, ליד
(כאָטש מע טוט שוין ווייניק לעזן
מיין דערציילונג און מיין ליד):

אַלטער דור — ער גייט אַוועקעט
נייער דור — אַזוי־אָ פרעמד;
טוט אַרום אַ הויל זיך שטרעקן;
איז מיין יידיש וואָרט — פאַרשעמט.

איז פאַרשעמט מיין מאַמע־לשון
(מ'קערט פון אים די אויגן אָפּ) — —
טוט שוין אָפט מיין מוט זיך לעשן —
לאָזן זיך די הענט אַראָפּ — —

— 5 —

ציען טעג זיך, גייען יאָרן, —
נעמט די וועלט פאַרגעסן שוין
אין די בלוטיק־רויטע וואָרן,
אין די היטלער־שחיטות — ברוין;

אינעם פאָלק — אַזוי סאַדיסטיש,
אין דער אומה — מערדעריש;
אין די לענדער די פאַרוויסטע
דורך די דייטשן — מאָנסטעריש.

— — — — — — — — — — — —

ווידער כאָוועט מען די חיה, —
שוין פאַרגעבן אירע זינד;
שוין פאַרגעסן גאַז און פייער,
אַש פון זקן און פון קינד.

שוין פאַרגעבן, שוין פאַרגעסן,
ס'איז גערמאַניע ווידער וואויל;
ווי ס'וואָלט קיינזאַך ניט געוועזן,
ניט קיין האַק און ניט קיין קויל;

ניט קיין מיתות אַלערלייע,
ניט קיין פייניקונג — פערוועהרז;
קיין שום קרבנשע געשרייען,
קיין געכליפּ און קיין געטרער —

— — — — — — — — — — — —

קען איך אָבער ניט פאַרגעסן
(קען עס וואו אַ וואָסער ייד?);
ווער איך אַלץ פון גרויל געגעסן,
בין איך אַלץ מיט וויי צעגליט.

טויכן אויפעט אין זכרון
יאָרן פונעם ברוינעם בראַנד:
ביז גאָר האָפערדיקע יאָרן
דאַן געוועזן דאָ אין לאַנד.

ס'האָט „פּראָספּעריטי" געבליט דאָ,
גאָלד — געפּלאָסן, ווי אַ טייך;
זענען פיל אין דעם „יאַריד" דאָ
איבערנאַכט געוואָרן רייך.

האָט מען היים אַרומגעהוליעט:
עס און טרינק און קאָרט און בעט — — —
זאָל זיך זאַמען די גאולה,
זאָל זי קומען — העט־העט־העט — — —

— — — — — — — — — — — —

מיך האָט אָבער דאַן געוואָרגן
יעדער טרונק דאָ, יעדער בים;
טאָג און אָוונט, נאַכט און מאָרגן, —
כ'האָב געזען אַלץ: בלוט עס פליסט;

כ'האָב געזען אַלץ ווי די חיה
ציינט און נעגלט, סמ'ט און ברענט;
כ'האָב געשמעקט אַלץ גאַז און פייער
און — געבראָכן זיך די הענט:

איז עס טאַקע שוין די ענדע,
איז עס שוין דער סאַמע סוף:
ס'ווערט מיין פאָלק טאָטאַל פאַרלענדעט?
ס'קומט אַצינד זיין לעצטע שעה?

— — — — — — — — — — — —

נעמט מען — שנעל אַזוי — פאַרגעסן
אַלע מעשים פונעם קאַט;
ווערט דער דייטש מיט זופּן־פרעסן
אויפדראָסניי באַזאָרגט, באַשטאַט.

מ׳שטאָפּט אין אָ־דעם שלאַנג דעם ברוינעם
סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס;
שוין פאַרגעסן אַלע בוינעם
שוין פאַרגעסן אַלע זינד — —

ברענג איך דאָ אַ זמר איינעם,
וואָס איך האָב געשאַפן דאַן;
ס׳איז אָ־דער־אָ זמר מיינער
אַקטועל אַלץ — פּונקט, ווי דאַן:

— 6 —

ציען טעג זיך, גייען יאָרן,
קומט אָן פערציק אַכטער יאָר;
ווערט מיין אומה ניי־געבאָרן,
ליכטיקט אויף ישראל־וואָר.

לאַנד ישראל ,היימלאַנד אַלטע, —
דורך אַזויפיל בלוט באַנייט;
כ׳האָב מיט דיר שוין אָנגעשטראַלט זיך
אין מיין קינדהייט — אַזוי ווייט.

כ׳האָב שוין דאַן, אַ חדר־ייִנגל,
ביי דעם חומש, אָפט געטרוימט
פון דיין באָדן — העל באַפינקלט,
פון דיין אויסגעבלויטן בוים;

פון די בערג און טאָלן דיינע —
אָנגעגרינטע מיט תוך;
פון אַ יעדן יידן דיינעם —
צו אַ גאָט פון יושר וואָך;

פון דיין לעבן אין פאַרצייטן:
מלך, נביא, „פראָסטער׳ ׳פאָלק — —
צו דיין רוף — דורך אַלע צייטן —
צו אַ וועלט אָן קנעכטונג־עול;

צו אַ וועלט אָן קריג, אָן שנאה;
צו אַ וועלט — פול ברודערשאַפט
(וואו אַ יעטוועדע מדינה
פאַר דער גאָרער מענטשהייט שאַפט) — —

— — — — — — — — — — — —

און דערנאָך, אין יוגנט מיינער,
האָסטו ווידער מיך באַגלייט
(אויף די בלאָנקענישן מיינע
איבער רוסלאַנד־ערדן — ברייט).

האָב אויך דאָרטן, ביי די „רויטע",
זיך געבונדן מיט דיין בלוי
(האָב אין מאָסקווע אין רויטער
אָנגעשעפּט זיך מיט דיין טויט) — —

און דערנאָך, אין ליטע גרויער,
האָב אויפסניי געטרוימט פון דיר;
ווי אַ חלוץ, ווי אַ בויער,
אָנגע׳חלומ׳ט זיך מיט דיר — —

און אויך דאָ, אין לאַנד אין קאַלטן
(ווינטערדיק אַזוי־אָ לאַנג),
האָסטו זומערדיק באַשטאַלט מיך
און — געוואַרעמט נאָכאַנאַנד — —

— — — — — — — — — — — —

האָסטו איצטער אויפגעוועקט זיך
פון אַ מדבר׳דיקן שלאָף;
ס׳האָט אַ גלות־נאַכט געענקט זיך,
ס׳איז צום ליידן־וועג אַ סוף.

ס׳איז אַ סוף צום לאַנגן וואָגל
צווישן פעלקער — פול מיט קרייץ;
ס׳איז אַן ענדע צו די פּלאָגן
דורך המונים — אָנגערייצט;

ס׳איז אַן ענדע צו די פּחדים
אין אַ יעדן פרעמדן לאַנד;
ס׳איז מיין פאָלק אַצינד באַלאָדן
מיט געשטאַלטן ווידערשטאַנד.

קעמפט העראָאיש קעגן שונאים
מדבר־ווילדע — רונדאַרום;
צאָלט מיט בלוט פאַר בלוט־געשטראָמען,
מאַכט דעם שונא בלינד און שטום

(זיבן לענדער, פול מיט רוצחים, —
אָנגעפאַלן אויף דיין ערד;
טוט זיי יאָגן, אָ־די רוצחים,
פון דיין אויפגעוואַכטער ערד — —

— — — — — — — — — — — —

און אָט ביסטו שוין אַ פרייע,
אַ צעפרילינגט־יונגע היים
סיי פאַר אַלטע, סיי פאַר נייע
עולים־יידן, גרויס און קליין,

פונעם כבוד פונעם גאָרן, —
אויף צו קומען און שוין זיין
אין דיין גבול דעם לויטער־קלאָרן,
אויף דיין באָדן — זון־באַשיינט — — —

— — — — — — — — — — — —

שרייב איך אָן דאַן „זוניק, פריידיק,
אַ געזאַנג צו פאָלק און לאַנד,
וואָס פאַראייניקן זיך ביידע
נאָך אַ שיידונג — אַזוי לאַנג:

— 7 —

גייען וויטערדיקע יאָרן,
און איך אַלץ נאָך, מיט מיין פרוי,
אויף דער גאַס — פאַרגרויט און אָרעם,
ענג און טומלדיק אַזוי.

טומלען דאָ אַרום די שכנים
(אימיגראַנטן — פרעמד און ווייט);
הער איך אָפט דאָ: קינדער וויינען,
הער: מע קריגט זיך און מע שרייט.

הער איך אָפט דאָ אין מיין דירה
(קליין און טונקל, אַלט און פייכט):
קעץ אויף דעכער „זינגען זמירות",
גיבן אָפּ „קאָנצערטן" — רייך.

זע איך דורך די דירה־שויבן
הייזער לאָמע — ריי נאָך ריי;
„ליינס" — באַמיסטיקט און באַשטויביקט,
שטריק — מיט ברודנעם גרעט אויף זיי.

שרייב איך דאָ די מעשׂות מיינע
פאַרן „אָדלער" — יעדע וואָך ;
שטערט מיר אָפּט אין אָ־דעם תּענוג
דער אַרומיקער געקאָך — —

— — — — — — — — — — — —

האָבן מיר אַדאָ אַ לענדלאָרד —
אַן „אַנטיק", אַן „עקזעמפּליאַר";
ס'איז זיין נאָמען פּייוול הענדלער ;
לאַנג און גרוי און שרעקלעך דאַר.

טראָגט ער בגדים, שטאַרק פאַרשמאָדערט,
איז זיין פּנים פול מיט ברוד
(קוקן בלויז אויף לענדלאָרד אָ־דעם
כאַפּט אַן איבל, ווערט ניט גוט).

איז ער, הענדלער, גרויסער עושר,
באַלעבאָס פון הייזער פיל ;
פון אַפּאַרטאַמענטן גרויסע —
מיט באַוואוינער אָנגעפילט.

שלאָפט ער, הענדלער, — איינאַליין נאָר, —
אין אַ קעלער — פינצטער, בלינד,
(איז אַ בחור, האָט ניט קיינעם,
ניט קיין ווייב און ניט קיין קינד).

האָט ער — זאָגט מען — אינעם קעלער,
אין אַ לאָך וואו, געלט פאַרשטעקט ;
לוגן, גענגסטערס אויפן קעלער —
מיט פּיסטאָלן, מעסערס, העק — —

— — — — — — — — — — — —

רייסן ענדלעך זיך אַריינעט
אין זיין קעלער רויבער צוויי,
און — מע נעמט אים שלאָגן, פּייניקן:
זאָל ער, הענדלער, זאָגן זיי,

וואו זיין אוצר טוט דאָ שטעקן,
וואו זיין געלט ער האַלט אַדאָ — —
האַלט מען אים דאָ אין איין „רעקן",
פּײַנט מען אים דאָ שעה נאָך שעה — —

— — — — — — — — — — — —

האָט מען נאָכדעם אים געפונען
צוגעבונדן צו אַ שטול;
ס'איז נאָך בלוט פון אים גערונען,
כאָטש ער איז — געווען „שטיל".

— 8 —

טוען טעג און יאָרן שווימען,
איז שוין ניינצן פופציק איצט;
ברענען ווידער ערד און הימל,
דונערט ווידער און עס בליצט:

אַ מלחמה אין קאָרייע
(צווישן לינק און צווישן רעכט);
פאַלן נייע זעלנער־רייען
דורך די טעג און דורך די נעכט.

גיסט זיך בלוט אויף בערג און טאָלן
פון אַ לאַנד — אויף צוויי צעטיילט;
זענען שטעטלעך פול חללים,
זענען דערפער פול מיט טויט.

ליגט ניט־ווייט די געלע כינע
אויף סאָלדאַטן — ווייס און שוואַרץ —
פון אַמעריקע־מדינה
אויף קאָרייער טאָל און באַרג.

לויערט אויף דער געלער כינע —
פון די שטאַטן — אַ פּאַרלענד,
וואָס דערמאָנט אָן הוראָשימאַ,
וואָס באַדראָט די גאַנצע וועלט.

— 9 —

הוראָשימאַ, נאַגאַסאַקי, —
עדות צוויי פון דעם אַטאָם
(אויפגעשאָסן, אויסגעפלאַקערט,
ווי אַ מאָנסטערישער שוואָם).

הוראָשימאַ, שטאָט מיט מענטשן,
אין אַן אויגוסט־אינדערפרי;
אַנט ווער דאָ פון אַלע מענטשן,
וואָס ס'עט באַלד געשען דאָ־הי?

שטראָמען מאַסן אין פאַבריקן,
עפענען זיך קלייט נאָך קלייט;
שטייען הייזער, ליגן בריקן,
ציען גאַסן — שמאָל און ברייט.

גייען קינדער אין אַ שולע,
זיצט שוין ווער אין אַ ביוראָ;
קלאַפּט שוין ווער אויף אַ קאַפּוליע,
נייט שוין ווער אַ וועסט, אַ ראָק — —

זענען גאַסן פול באַוועגונג,
ראָד און טראָט און רייד און לאַך — — —
ס׳האָט אַ שטאָט, ביז עקסטע ברעגן,
צו דער מי אויפסניי דערוואַכט — — —

— — — — — — — — — — — —

שווימט פונווייט אָן אַן אַרעאָ,
לאָזט אַראָפּ אַ פּאַראַשוט;
בליציקט אויף אַ קראַך אַ שווערער
און אין זעלביקער מינוט —

שוין ניטאָ קיין הויז און מויער,
שוין ניטאָ קיין קלייט און בריק;
בלויז אַ מדבר — אומגעהייער
(פון חללים — וואו אַ בליק);

קויל־פּאַר׳שרפה׳טע חללים —
הונדערט טויזנט? מערער פיל? — — —
איז שוין אוים מיט מי און חלום,
איז שוין אוים מיט קאַמף און שפּיל.

איז שוין אוים מיט עוף און חיה,
איז שוין אוים מיט גראָז און בוים;
אָפּגעווישט אַלץ האָט אַ פייער —
פלאַמענדיק, ווי זון אין רוים — — —

— 10 —

טוען טעג און יאָרן שווימען,
אויף דער וועלט איז אַלץ ניט גוט;
פלאַקערן קאָרייער הימלען,
גיסט זיך אין ישראל בלוט.

די אַראַבּער רוצחיש־ווילדע,
פֿול מיט גיר נאָך יידן־טויט,
גרייטן צו אַ צווייטע „רונדע"
(מיט דער הילף פֿון רוסלאַנד־„רויט").

און דערווײלע טוט מען מאָרדן
אין די נעכט די שפּעטע — בּלינד ;
דאָ — אַ באַנדע, דאָרט — אַ האָרדע ;
שיס אין פֿרוי, אין גרייז, אין קינד ! — —

— — — — — — — — — — — —

און די מאַכטן גאָר די גרויסע —
אין אַ „קאַלטן" קריג פּאַרטאָן — —
רוקט זיך אויף דער וועלט דער גרויסער
אַ געפֿאַר אַ פֿרישע אָן — —

— — — — — — — — — — — —

— 11 —

לעבּט שוין לאַנג אין לאַנד אין היגן,
וואוינט און שאַפֿט אין מאָנטרעאל,
אַ פּאָעט, באַרימט בּיי יידן, —
מיט אַ שליחות אָנגע׳עול׳ט.

מלך ראַוויטש, דיכטער־דענקער,
שפּינאָזיסט און פּאַציפֿיסט ;
טוט נאָך גאָט אַלץ גאַרן, בּענקען,
עטיק, יושר אַלץ באַגריסט ;

ווייטיקט אַלץ מיט די גורלות :
ייד און קריסט און — גאָרע וועלט ;
טרוימט פֿון גוטסקייט און פֿון שלום
אויף דער גאָרער גרויסער וועלט.

מיט זיך אַ־דעם טרוים פאַרוואָרן
ניט מיט וואָרט נאָר — אויך מיט טאַט:
העלפט אַ יעדן אַלע יאָרן
(כאָטש אַליין — ניט צופיל זאַט).

מיט זיך ליב האָבן אַ יעדן:
ליבע — העכסטער גאָט־געבאָט;
הייליק — יעדער מענטשנס לעבן
„יעדער מענטש איז אויך אחד" — —

— — — — — — — — — — —

שרייבט ער, ראַוויטש, ניט נאָר שירים —
זעליק, זוניק, פול מיט זאַפט;
שרייבט אויך דראַמען — רייך, קאָלירִיק,
שאַפט עסייען — פיין פאַרטראַכט — —

טו איך אָפט מיט אים פאַרברענגען,
זע זיין פירונג פונדערנאָנט:
וועגעטאַריער ביז גאָר שטרענגער,
גאָר באַשיידן אָנגעטאָן;

לעבט אין אַלגעמיין באַשיידן:
דירה, מעבל, בגד, שפּייז — —
העכסטע, ריינסטע לעבנס־פריידן —
ניט אין חומר, נאָר אין גייסט — —

שרייבט ער, ראַוויטש, פון קאָלעגן
פען־פּראָפילן זייער פיל — —
פּרוּאוו איך איצטער דאָרטן געבן
פון אים זעלבסט אַ פען־פּראָפיל.

קומט פון צייט צו צייט צופאָרן
יעקב גלאַטשטיין פון ניו יאָרק;
מיט אַ קאָפּ אַ לויטער־קלאָרן,
מיט אַ האַרץ — פול פרייד פון וואָרט;

זינגער־זאָגער — גאָר גרויסאַרטיק,
בילדעריש און פול מוזיק;
טעמע־פול און פיל געשטאַלטיק;
דיכטונג, פּראָזע און קריטיק — —

רעאַגירט אויף אַלץ אין לעבן
(ובפרט — אויף ייד אין וועלט);
איז צום ייד און צו זיין לעבן
היים מיט ליבשאַפט אָנגעקוועלט.

ליבט געוואַלדיק מאַמע־יידיש,
איז מחדש אָ־די שפּראַך
(ווירטואָזיש, ערודיטיש,
מיט פאַרשטענדעניש אַ סך).

— — — — — — — — — — —

טרעף איך זיך מיט אים דאָ אָנעט,
זיך מיט אים אַ שעה אַוואו;
קוויק זיך מיט זיין קלוגן פּנים,
הער זיך וואַכזאַם צו אים צו.

הער איך פון אים רייד גאָר קלוגע,
הער אוים מיינונגען — גאָר רייך;
שעפּ מיט זיי זיך, ווי אַ קרוג, אָן,
ווער מיט זיי אַלץ מער באַרייכט.

יעקב גלאַטשטיין, לשון־מייסטער,
פול מיט תוכן — הערלעך, גרויס;
כ'לייען תמיד מיט באַגייסטער
אַליץ, וואָס ס'גיט זיין פּען אַרויס.

יעקב גלאַטשטיין, ייד לובלינער,
פול מיט „יידיש־טייטשן" — העל;
כ'טרינק אָפּט אָן מיין זעל און זינען
מיט זיין „גאַנצער מי" — צעהעלט.

— 13 —

קומט פון לאָנדאָן איציק מאַנגער —
פול מיט וואָגל, ווינט און נאַכט;
מיט באַלאַדן אָנגעהאָנגען,
ווי מיט „שטערן אויפן דאַך".

איציק מאַנגער — וואַגאַבונדיש,
טעאַטראַליש, פול הומאָר;
איבערפול מיט שיינקייט־וואונדער,
תפילה'דיק, פאַרטרוימט ביז גאָר — —

— — — — — — — — — — —

טרעפן מיר זיך אָפּט דאָ אָנעט,
רופט ער אָפּט מיך אין אַ שענק
(מיט אַ בליק און מיט אַ פּנים —
נאָך אַ גלעזל י"ש פאַרבענקט).

גאַסטעט ער אין היים אין מיינער,
שטעל איך ווייַן אים אויפן טיש;
האָט ער צו מיר „האַרבע" טענות:
ווייַן גאָר שטעלסטו!? ס'איז דאָך זיס!

— — — — — — — — — — — —

איציק מאַנגער — אָנגעטרונקען
פּיי מיט וו״ש און פּיי מיט ליד
(ווי יעסעניז, אָנגעטרונקען,
ווי לי־טיי פּאָ דער בעל-הליד).

איציק מאַנגער דיכטער דינער,
פול מיט נאַכטיגאַל־געזאַנג;
אין ישראל דער מדינה
ליגסטו לעצטנס אַזוי קראַנק.

ליגסט און טוסט אוודאי גראַמען
שוין מיט — ביטערן — געוויין
(און דיין גראַם דערגייט ביז דאַנען —
גיסט מיין גוף אָן מיט געוויין) — —

— 14 —

קומט אַראָפּ אברהם רייזען —
שוין באַיאָרט, נאָר אַלץ נאָך יונג;
מיט אַ האַרץ נאָך אַלץ אַ הייסן,
מיט אַ בליק — נאָך פול מיט זון;

מיט אַ וואָרט פאַר יעדן איינעם —
ביז גאָר פריינטלעך, ביז גאָר מילד:
יעדער מענטש — אַ קינד אַ קליינער,
יעדנס לעבן — בלויז אַ שפּיל.

איז ער, רייזען, פול „פאַרגעבונג",
איז ער, רייזען, „ליבע־רייך":
י ע ד ע ר ע ר וויל זיין, וויל לעבן:
גוטער, שלעכטער, אָרעם, רייך — —

— — — — — — — — — — —

נאָר מיט מער פאַרליבטקייט ברענט ער
צו דעם שקלאַף און אָרעמאַן
(און מיט צאָרן הייסן ברענט ער
קעגן נגיד און טיראַן);

„ברענט" אין ליד און אין דערציילונג —
פאָלקיש, איינפאַך, האַרצעדיק;
ברענט מיט וואָרט מיט זיינעם היילונג
צו אַ יעדן — ליידנדיק.

— — — — — — — — — — —

רייזען גוטער, רייזען ליבער —
מיטלייד פול צו נאָנט און ווייט;
מיט דיין צאַרטער מענטשן־ליבע
כ'בין פונלאַנגשוין אָנגעשיינט.

אין ליובאַוויטש, נאָך אַ יינגל,
האָב איך שוין געלעזן דיך.
מיט דיין ליד זיך אָנגעפינקלט,
מיט דיין מעשה — פול מיט ליכט.

און אין קוידענאָוו, אין שטעטל,
וואו די וועלט דו האָסט דעריזען,
האָב איך אָפט ,אין נעכט אין שפּעטע,
מיט דיין צער און שטרייט געברענט.

זע איך דיך אַדאָ אַצינדער,
זיך מיט דיר אַזוי אינטים;
הער זיך איין, פאַרגלויביקט ,קינדיש,
אין דיין פאָטערלעכער שטים:

ס'איז די וועלט נאָך אַלץ אַ שלעכטע,
פול מיט גזלה און מיט בלוט — —
דאָך וועט זיגן דער גערעכטער,
דאָך וועט ווערן וואויל און גוט. — —

— 15 —

לעב איך „אוים" דאָ יאָרן מיינע
צווישן שטאָט און צווישן דאָרף;
ווינטער — אין דער שטאָט — אָן תענוג,
זומער — נחת'דיק — אין דאָרף.

לייד איך ווינטער פון די קרירות,
פון די זאַווערוכעס — וויים;
זיץ אָפּ מערסטנס אין מיין דירה,
קוק אויף דעכער — אויסגעווייסט;

הער: אַ קראָ אַ שוואַרצע קראַקעט
אינעם אַוויר — פול געפריר;
הער ווי שכנה'ס צווי באַלאַקען
אויף די טרעפּ, אַהינטער טיר;

שרייב דאָ מעשיות און אַרטיקלען
(פאַר אַ מאָגערן געהאַלט).
טו דערביי זיך וואַרעם וויקלען;
טראַכט: ביי כסלו, ערשט מען האַלט.

ליג דאָ אָפט אַ צוגעקילטער
(יעדער אבר — וויטאָקט דיר);
ליג אין היץ אַן איינגעהילטער
(מיט אַ פיבערדיקן בליק).

האָב צו טאָן אויך מיט שפּיטעלער,
מיט דאָקטוירים — אַלט און יונג.
וואַרט אַלץ, עס זאָל ווערן העלער,
עס זאָל ווייזן זיך די זון. —

— 16 —

קומט אָן ענדלעך גרינער זומער —
לעב איך אויפעט, ווער באַנייט;
נעמט אין מיר אַ שמחה זשומען,
ווער איך יינגלדיק פאַרשייט,

טוט מיט מיר אַ באַן שוין איילן
ווייטער אַלץ פון ענגער שטאָט;
יאָגט זיך איבער ברייטע מיילן,
אונטער זוניקן געבראָט.

יאָגן מיילן גרין און זוניק —
פעלד און לאַן און טאָל און וואַלד;
דופטן בלעטער — אָנגעזוניקט,
שמעקן גראָזן — אָנגעשטראַלט.

ווייזט אַ סעדל זיך — צעבלומיקט
ווייזט אַ שטוב זיך — זון־באַבלאַנקט;
פאָרט אַ מיידעלע — צעזומערט —
מיט אַ הינטל צו „מיין" באַן.

קומען בערג פונווייטן אָנעט —
אין אַ טיפן גרין געהילט;
בלאָזט אַ באַרג־ווינט מיר אין פנים
(מיט מיין נאָז און מויל „זיך שפּילט").

אָטעם איך דורך פענצטער — אָפן —
דינע לופט אין זיך אַריין;
ווער אַליך מערער בגילופין
פונעם באַרגיש־דינעם „וויין". — — —

— 17 —

זיץ איך שוין אין דאָרף באַנייעס,
אין אַ פּאַרם־שטיבל — אַלט;
צווישן גראָזן יונגע, נייע;
לעם אַ פריש־צעגרינטן וואַלד.

קלינגען צאַרטע פייגל־שטימען
אויף די ביימער — רונדאַרום;
קלאַפּט אַ פּיקהאָלץ אויס אַ הימען
צו דער זומערדיקער זון.

בלאָנקע איך אין וואַלד אַרומעט.
מיט מיין פריינדין — זאַלבעצווייט;
ביידע — האָפּערדיק צעזומערט,
ביידע — פול מיט גרינער פרייד.

שרייב איך שירים אינעם וואַלד דאָ —
אָנגעזאַפּט מיט גראָז און בלאַט;
זוניק־העל אַדורכגעשטראַלטע,
מיט דער זומער־גרינקייט זאַט — — —

— 18 —

האָבן מיר אַ באַלעבאָס דאָ —
אַ פראַנצויז — מוסיע דע ביען;
איז פון אים זיין „באַלעבאָסטע"
עלטער מיט אַ יאָרן צען.

ציט אים שטאַרק צו פרעמדע פרויען —
יונגער, שענער פון זיין ווייב;
זיצט זיין ווייב דאָס רוב פאַרטרויערט:
ס'איז פאַרשעמט איר פרויאיש לייב.

זיצט אַ לייביקע אַ דיקע,
אַ באַיאָרטע, קינדערלאָז
און — מיט עסן טוט זיך קוויקן;
שטאָפּט אין זיך אַלץ — אָן אַ מאָס.

אַז וואָס האָט זי אין איר לעבן?
ניט קיין מאַן און ניט קיין קינד!
איז אכילה — גאָר איר לעבן,
איז דאָס עסן — מאַן און קינד. — — —

— 19 —

קלייבט זיך שוין אין וועג דער זומער
(נאָך אַ זומער גייט אַוועק);
נעמט דעם וואַלד אַרום אַן אומעט,
ווערן ביימער אויסגעפלעקט

אין קאָלירן כל המינים:
געל און גינגאָלד, רויט און ראָז — — —
הייבט אָן אָסיען קיל פאַרשפּינען
ביי די ביימער, ביי דאָס גראָז.

קילקייט. שטילקייט. ווינטער־אָנזאָג.
מ'הערט ניט מער קיין פייגל־קלאַנג.
שטייען ביימער ברוין שוין, בראָנזיק.
לויכט די זון שוין בלייך און קראַנק — — —

שיידן מיר זיך מיטן שטיבל
אויף דער פאַרמערישער ערד;
פאָרן קריק אין שטאָט אַריבער —
אויף אַ פרישן ווינטער — שווער. — — —

— 20 —

ציט זיך לאַנג אַ פרישער ווינטער —
שנייאיק, פראָסטיק, פול מיט קרענק;
זיץ איך ווידער „איינגעצווינטערט",
זיץ — אַ האַלבער מת — און בענק

נאָך אַ זומער נאָך אַ נייעם —
פול מיט גאָלד און גרין און בלוי;
פול מיט גראָז און בילדער נייע,
פול מיט פינקלדיקן טוי.

זומער ווידער. האָבן מיר איצט
(אין אַ דערפל, אין די בערג)
שוין אַן אַנדער קאָנטרי־דירה,
ביי אַ זקנה — מיסעס שער.

איז זי, מיסעס שער, אלמנה
נאָך אַ מאַן — אַ שניידער — רייך;
טוט זי אָפט איר מאַן דערמאָנען
מיט אַ בליק — פאַרטרויערט, פייכט:

האַרציק־גוט איז ער געווען
צו זיין מיסעס — מיסטער שער;
אַ ירושה איר געלאָזן —
אַ מיליאָן אוודאי ווערט.

און אין לעבן — רק גע'תענוג'ט
האָט דער מיסטער שעי מיט איר
קורץ שוין פאַרן שטאַרבן זיינעם —
אַ „בר־מצוה" דורכגעפירט:

דרייצן ווינטערס אין מיאַמי
(מיט זיין מיסעס זאַלבענאַנד) — —
האָט זיך דאַן — „געגאָסן" ממש — —
האָט מען דאַן אַ נאַכט געטאַנצט — —

— — — — — — — — — — —

האַלט זי איצטער „פלעזשורניקעס"
יעדן זומער דאָ אין דאָרף;
„שעפּט" פון זיי דאָ קנאַפּע „גליקן",
מאַכט דערפאַר מיט זיי אַ קאָרט.

— — — — — — — — — — —

זיצן דאָרטן אין אַ גאָרטן
(וואָס געהערט צו מיסעס שער)
„פלעזשורניקעס" איבער קאָרטן
(לאַנגע, קורצע, גרינג און שווער)

און מע טאַשט אַליין — היים צעפּלעמלט,
און — מע שפּילט אַליין — שעה נאָך שעה
(און די וועלט די גאָרע דעמאָלט —
עקזיסטירט ניט, איז ניטאָ). — —

איז מען פרום „צו אַלע צרות" —
איז דער שבת — „קאָרטן־לאָז";
טויג עס ווידער אויף כפּרות:
ס'פעלט דעם שבת „עפּעס־וואָס".

נודיעט מען זיך יעדן שבת,
דרייט מען זיך פאַרבענקט אַרום;
גייט ניט אײַן די „עולם הבא״ —
פאַר זיך פירן „גוט און פרום״.

נעמט מען שבת, באַלד נאָך שקיעה,
קוקן צו דעם הימלבלוי:
אפשר נעמט שוין דאָרטן בליען
ערשטער שטערן — פול מיט טוי.

און ווי נאָר מע זעט אים דאָרטן,
אינעם בלויען הימל־רינג, —
וואַרפט מען גלייך זיך צו די קאָרטן
און — מע שפילט שוין ביז באַגין. — — —

— 21 —

קומט אָן ניינצן זעקס און פופציק —
צינדט זיך אָן אַ נייער בראַנד
(פועל־יוצא פון אַ רוף צו
אָפּמעקן ישראל־לאַנד;

פועל־יוצא פון אַ טעראָר
אַן עגיפּטישן — געמיין;
פון קרבנות נייע, שווערע
אויף ישראל׳ס לאַן און פליין;

פועל־יוצא פון גזלנות —
דורך דעם „רויטן״ רום געגרייט;
פון אַ נאַסערישן פנים —
פול מיט גיר נאָך יידן־טויט) — — —

שפּאַרן ישׂראלים־שטרייטער
העלדיש צום סועץ־קאַנאַל;
טראָגן זיך אַלץ ווייטער, ווייטער
(דורך דעם סיני־מדבּר — אַלט).

שלאָגן־יאָגן מצרים־שונאים.
(„העלדיש" נאָר און בּיז גאָר פרעך —
ווי שאַקאַלישע פּחדנים —
אין די פינצטער־בּלינדע נעכט).

שלאָגט זיי — יאָגט זיי, בּרידער מיינע, —
אויף דער ערד און טיף אין בּלוי
צאָלט זיי אָפּ פאַר בּלוט און פּיינען
פון אַ יעדן מאַן און פרוי;

פון אַ יעדן חלוץ־טרוימער —
ערלעך בּויענדיק זיין היים;
פון אַ יעדן קבוצה־שומר —
אויף זיין שוויים־בּאַגאָסן פליין;

פון אַ יעדן שריד־פּליט —
קוים אַרויס פון גאַז און פלאַם
(און אַוועק פון גרויעם גלות
צו אַן אייגן, העלן לאַנד).

שלאָגט זיי, יאָגט זיי, אָ־די נאַסערס,
אָ־די פרעה'ס, מדבּר־ווילד
(גאַרנדיקע זיך צו וואַשן
אינעם בּלוט פון יידיש קינד). — — —

וואוינען מיר שוין „הויף" אַביסל,
אין אַ געגנט, אויף אַ גאַס, —
מיט אַ „חשיבות" אַ געווויסער:
מערער רחבות, קנאַפּער רעש.

רופט מען אוטרעמאָנט די געגנט,
רופט מען פּאַרק די גאַס אָ־די;
זיך איך אויך אין אָ־דער געגנט
אינדערהיים — באַלייגט מיט מי.

זיך און שרייבּ אַלץ — אויפן לשון
פון מיין מאַמען — לאַנג פאַרבּרענט;
ווייכן דאָ פון אָ־דעם לשון
שכנים נאָנטע — הינטער ווענט.

ריידן פּויליש און אונגאַריש
(כאָטש די אויגן — פול מיט ייד);
זע איך אוים ביי זיי גאָר נאַריש
מיט מיין מעשה ,מיט מיין ליד — —

און די גאַס איז פול מיט גריכן —
פאָלק פון פּלאַטאָ און סאָקראַט
(וועמענס גאָרע דאָזיין־שליחות
איז — צו זיין וואָס מערער זאַט) — —

שפּיר איך זיך אויך דאָ אַ פרעמדער —
סיי מיט ייד און סיי מיט גריך — —
זיך אויך דאָרט — אַ פאַרשעמטער —
אינדערהיים. דאָס רוב — מיט זיך;

זיך און זינג אויס גאָר מיין לעבן
(אין אָ־דער פּאָעמע איצט);
ליטע־לעבן, היגן לעבן — —
אַ „מצבה" נאָך אין קריך —

— 23 —

ווערט מען וואָס אַ יאָר אַלץ עלטער,
איז דער קאָפּ שוין פול מיט שניי
(און דער גוף — ער ווערט אַלץ קעלטער,
פולער אַלץ מיט זיקנה־ווי).

טוט מען אָפט פון סוף שוין טראַכטן) —
וויפל לעבט מען עס בכלל?
אָט איז טאָג און — אָט איז נאַכט שוין,
אָט איז הייס און — אָט שוין קאַלט.

ס'ווייען ווינטערדיקע ווינטן,
ס'קלאַמערט ווינטערדיקע קעלט — —
ווי אַ חלום, טוט פאַרשווינדן,
מענטש, דיין גאָרע קורצע וועלט — —

קוק איך אָפט צו פרוי צו מיינער:
אויבעט זי — שוין זיקנה'דיק:
קאָפּ מיט גרויקייט „אָנגעשאַניקט";
בליק — מיט אָסיען „אָנגעגליקט" ——

שפּיגלען מיר זיך איינס אין צווייטן —
פול מיט „גינגאָלדענעם" האַרבסט;
טוען טעג אַרויס באַגלייטן
מיט אַן אויסוועגלאָזן צער:

מ'איז אַ דור, וואָס גייט אַוועקעט
(און אַ נייער דור — ניטאָ) — —
טוט די ענד נאָך מערער שרעקן — — —
איז אָפּט סומנע יעדע שעה. — — —

— 24 —

גייען ווייטערדיקע יאָרן,
גייט שוין פּופּציק אַכטער יאָר;
וועלט איז אָבער ניט געוואָרן
בעסער — כאָטשבי אויף אַ האָר

פאַרקערט גראָד: מיט יאָר מיט יעדן
ערגער ווערט אַלץ אויף דער וועלט;
מערער מתים אויף די וועגן,
מערער טויטע אין די שטעט.

מערער אומגליק, מערדערייען,
דאָ און דאָרט און — איבעראַל —
זענען טעג איצט — פול מיט לוויה,
זענען נעכט איצט — פול באַפאַל.

וואַקסן אַלץ מער די פאַרברעכנס
(באַלד אַהינטער אייגן טיר) — —
טרויסטנו קנאַפּ־שוין נאָנטן שכן:
ווער ווייס, וואָס ער גרייט פאַר דיר — — —

זעט אוים וועלט, ווי ערב מבול:
קנאה־שנאה, מאָרד און בלוט — —
כיכעט שטיל אַטאָם־מחבל:
ס'עט זיין „פריילעך", ס'עט זיין „גוט" —

— 25 —

מערן זיך די קאַטאַסטראָפעס —
אויפן וואַסער, אויף דער ערד ;
אין די הימלשע אין־סופן,
אין די דזשונגלס, אויף די בערג.

צופיל אויטאָס, צופיל באַנען ,
צופיל שיפן, צופיל טראָקס ;
צופיל פלי אין עראָפלאַנען,
צופיל גייסטיקער געיאָג.

צופיל רויכן, געזאָלינען
(פון מאַשין און פון פאַבריק);
צופיל גיר — אין זעל, אין זינען,
צופיל גלוסטעניש נאָך גליק.

צופיל שטעטלעך, צופיל כרכ'ן,
צופיל האַנדל, צופיל געלט ;
צופיל איבעריקע זאַכן,
צופיל מענטשן אויף דער וועלט —

— 26 —

מענטשן, אומות — אומעטומיק,
— פרו ורבו — האָט גאָט געזאָגט ;
פאָלגט איר אים — מיט ברען מיט פרומען,
מערט איר זיך — ביינאַכט, ביטאָג.

וואַקסן שוין ניט נאָר מיליאָנען,
וואַקסן איצט ביליאָנען שוין :
פלייש פאַר הונגער — גרוויליק, תהומיק,
וועלכער כוואַליעט — אָטאָ ,שוין.

פלייש פאַר קריגן שרעקיק־נייע —
דאָ און דאָרט און — אומעטום
(פול מיט הידראָגעניש פייער,
פול מיט בלענדעניש פון זון) — —

טוט זיך ,מענטש, ווי מוקן, מערן,
ווערסט שוין באַלד, ווי זאַמד ביים ים;
ווי אין הימלטיף — די שטערן,
ווי דאָס גראָז — אויף פליין און לאָן — — —

— 27—

איז שוין איצטער ניינצן זעכציק,
קומט די זיקנה נענטער צו;
שפיר איך אַ היפשע לעכצונג
נאָר מער פריי און נאָך מער רו.

ווילט זיך מיר שוין קנאַפער טראָגן
עול פון נויטן אַלערליי.
מער ניט דאַרפן אַזוי „יאָגן"
פאַר אַ דאָלער, צי פאַר צוויי;

טאָן נאָר דאָס, צו וואָס באַרופן,
מער זיך אָפּגעבן מיט ליד;
ענטפערן אויף מוזע־רופן
מיט אַ גרינגערן געמיט.

סיי ווי וועלן ווייניק העלפן
זאָרגן מיינע פאַר אַ וועלט —
אַזוי גיריק, אַזוי וועלפיש,
מיט אַזויפיל האַס צעקוועלט.

װעל איך בעסער שאַפֿן לידער —
מער געשליפֿן, מערער רונד;
מער פֿאַרטיפֿט און מער יחידיש,
מער געשעפּט פֿון אייגן גרונט.

װידמען זיך אַזאַ מין שאַפֿן
מיטן גאָרן מאַרך און בלוט — —
ביז ניט־װײַטן — לעצטן — האַפֿן — — —
ביזן ברעג פֿון „תמיד גוט". — —

— — — — — — — — — — —

גייען אָבער נאָך כּסדר
אַלע פּלאָגן פֿון מײַן צײַט;
שטעלן אַלץ מיך פֿאַר אַן עדות —
דאָ און דאָרט און — ערדן־װײַט;

מאָנען אַלץ פֿון מיר אַ תּיקון —
אין מײַן דיכטונג, אין מײַן ליד — — —
טו איך זיך מיט זײ אַלץ שטיקן,
בין איך אַלץ מיט זײ צעגליט — — —

גייען נאָך מיר אַלע שלעכטסן —
פֿון אַ יעדן לאַנד און אָרט;
סײַ די „לינקע", סײַ די „רעכטע",
סײַ אין טאַט און סײַ אין װאָרט.

גייען נאָך מיר די סכּנות
פֿאַר ישׂראל — נאָכאַנאַנד
(אין געקלעם פֿון בייזע שונאים,
פֿון מערדיירים — פֿול מיט בראַנד).

גייט מיר נאָך דער האַס צו יידן —
אויכעט איצט, נאָך נאַצי־גרויל;
גייט מיר נאָך די מענטש־ירידה
איבער גאָרער ערדן־קויל.

לאָזט ניט רוען היים פאַרוויסטע
(יאָר אַזויפיל, יאָרן, טעג);
פאָלגן אַלץ מיר נאָך די ליבסטע —
מיטן רויך שוין לאַנג אַוועק — —

— 28 —

היים פאַרוויסטע, אָפּגעמעקטע,
נאָכאַמאָל איך קום צו דיר;
מאַמע מיינע לאַנג פאַרמעקטע,
שוועסטער מיינע, ברידער פיר

מיט משפחות פרומע, שטילע,
מיט שבתים, וואָכנטעג, —
פול מיט תורה און מיט תפילה
(אייער איינציקער פאַרמעג);

פול אמונה און בטחון:
גאָט אין הימל וואַכט און היט;
וועט ניט צולאָזן קיין בראָכן,
קיין הריגה, קיין געשניט — —

האָט אייך גאָט, זעט אויס, פאַרגעסן
האָט פאַרגעסן גאָר זיין פאָלק) — —
האָט איר, תמימות'דיקע וועזנס,
פאַר אַ גזלן־וועלט באַצאָלט — —

— 29 —

פערטער טאָג אין צענטן מאָנאַט
(איין און פערציק איז דאָס יאָר);
כ'טו אויפסניי דיך היינט דערמאָנען,
מאַמע מיינע — העלסטע וואָר.

ביסט אַוועק דאַן צו די ברידער —
מיט מיין שוועסטער און איר מאַן
און אַ טעכטערל אַ ליבער;
ביסט אַוועק מיט זיי צוזאַם.

ביסט אַוועק מיט נאָך פיל יידן —
פרוי און מאַן און יונג און אַלט — — —
ביסט מסתם אַוועק מיט ווידוי
אויף די ליפּן דיינע — אַלט.

דיין געלעבט — מיט מענטש, מיט בורא —
איז אויך דיין סוף געווען
(כאָטש איך ספק, צי דער בורא
האָט געאַרט אַזאַ מין ענד) — —

— 30 —

מאַי, אין ניינצן פערציק פינפטן
(צוואַנציק זיבן איז דער טאָג);
ווידער טוט מיין זעל זיך העפטן
מיט דיין זעל — אין אָ־דעם טאָג.

ברודער מיינער, יעקב ליבער,
דיכטער צאַרטער — פול טאַלאַנט;
האָסט פון שלום אָפט געשריבן
און — מלחמה אַלץ געאַנט;

האָסט פון יושר העל גע'חלומ'ט
און — געשפּירט די ברוינע וואָר
(וואָס פאַרלענדן וועט אין גלות
זעקס מיליאָן פון אונדזער דור);

האָסט געריסן זיך קיין „ארץ" —
בויען דאָרט אַ היים אין פרייד;
נאָר „אַוועק" — אין ליידן שווערע —
טיף אין רוסלאַנד — יונגערהייט. — —

— 31 —

דריטער מערץ אין פערציק דריטן,
ערגעץ אינעם ראַטנלאַנד
האָט אַ קויל דיך אָפּגעשניטן
פון דיין לעבנס־גאַנג.

ברודער מיינער יינגסטער — אייזיק,
יונג אַזוי און — שוין אַ העלד
(מיט אַ קודלע — העל געקרייזלט,
מיט אַ פּנים — אָפן, העל).

נאָך אַ יינגל ,אין דער ליטע,
אין דער אָרעם־פרומער היים,
האָסטו שוין געקעמפט, געשטריטן
קעגן אַלצדינג, וואָס געמיין;

קעגן יעדן מענטשן־אומרעכט,
קעגן יעדער מענטשן־פּיין
(און שוין דאַן געצאָלט מיט טורמע
פאַר רעוואָלט, פאַר מורד־זיין).

און דערנאָך, אין שפּאַניע העלער, —
קעגן פראַנקאָ'ן האָסטו געקעמפּט;
קעגן ווי אין אומקום — העליש —
אין פאַשיסטישן געקלעם.

און דערנאָך, אין וועלטקריג צווייטן,
מיט אַ ביקס אין זעלנער־האַנט,
אויף דער רוסלאַנד־ערד דער „רויטער", —
קעגן ברוינעם דייטש געשפּאַנט;

קיין בערלין זיך אַלץ געריסן,
מיט אַ האַרץ — נקמה־פול:
היטלער־בעסטיע אָפּצואווישן
אין איר לעצטן גזלן־גבול — —

ביז אַ קויל האָט דיך געטראָפן
אויף אַ פראָנט וואו — פול מיט בלוט — — —
טוסטו דאָרטן לאַנגשוין „שלאָפן" — —
ליגסטו לאַנגשוין „איינגערוט". — —

— 32 —

און פון אַנדערע די דאַטעס —
ניט באַקאַנט מיר זיינען זיי
(ווען — און וואו האָט פיינט פאַרמאַטערט
און — פאַרניכטעט אַלע זיי).

ווען — און וואו — ביסט אומגעקומען,
משה — ברודער עלטסטער מיין;
און אברהם ערלעך־פרומער —
ווען האָט דיך געטויט דער פיינט.

ברידער צוויי מיט די געזינדן
(פרום צום בורא, גוט צו מענטש);
ברידער צוויי מיט פרויען, קינדער, —
אויסגעשטאַמיקט און פאַרלענדט;

אַז קיין שפור זאָל מער ניט בלייבן
פון פאַרברעך — אַזוי־אָ שווער;
אַז קיין סליאַד עס זאָל ניט בלייבן
פון מיין היים אויף ליטע־ערד. — —

— 33 —

ליטע — לענדל אָרעם־גרויע,
קאָוונע — היימשטאָט — גרין געשפרייט;
כ'האָב געלעבט מיט אייער טרויער,
כ'האָב געלעבט מיט אייער פרייד.

כ'בין פאַרליבט אין דיר געוועזן,
ליטע־היימלאַנד, יאָרנלאַנג;
ס'האָט פון דיר מיין גאָרער וועזן
אָנגעשעפּט זיך מיט געזאַנג.

— 34 —

איז שוין איין און זעכציק איצטער,
פליט שוין מענטש אין קאָסמאָס אום;
זוכט אַדאָרטן אינעם פענצטער
נישטעדט, זוכט דאָרט גאָט אַרום.

זוכט, נאָר קען אים ניט געפינען
אינעם פענצטער אַזוי קאַלט
מ'זעט פון גאָט דאָרט ניט קיין סימן,
זאָגט דער ערשטער קאָסמאָנאַט.

נו, און אויף דער ערד אַצינדער
איז ער, גאָט, אַיאָ פֿאַראַן?
אין אַ וועלט פֿון שענדער שינדער
וואו אַ טראָט און וואו אַ שפּאַן.

אין אַ וועלט פֿון ביקס און חלף
אין אַ וועלט פֿון רויב און מאָרד;
אין אַ וועלט וואו מאַכט ברוטאַלע
טוט אַלץ הערשן — דאָ און דאָרט?

— 36 —

וויפל בראָך געבראַכט אונדז האָבן
צוויי יהודים — יעזוס, מאַרקס
וויפל קינדער שוין באַגראָבן
האָט די דרשה אויפֿן באַרג.

וויפיל טאַטעס, מאַמעס, ברידער
וויפיל שוועסטער — איבעראַל
שוין פֿאַרשאָטן אין די גריבער
האָט דער אינטערנאַציאָנאַל.

יידן צוויי, מיט פיינע לערעס
ווי צו אויסלייזן די ערד;
רבי ישו פֿון נצרת,
רבי קאַרל פֿון טריער

יידן צוויי ,גאָר פיינע לערער
פֿאַר די גויים פֿון דער ערד,
רבי ישו פֿון נצרת,
רבי קאַרל פֿון טריער.

— 37 —

איז שוין איצטער צוויי און זעכציק
פאָר איך לעצטנס אָפט אַרום
זען וואָס מערער איצטיק לעכצן
איידער עס פאַרגייט מיין זון

מער פון פעלד און וואַלד געניסן,
מער פון באַרג און מער פון טאָל;
זען מער דערפער שטילע, פרישע
זען מער שטעט מיט בוי באַ'עול'ט.

זען מער ערטער אַלערלייע
פון קאַנאַדע־ריזנלאַנד
זאָלן שעה'ן טעג פאַרווייען
אין אַ באָס און אין אַ באַן.

וועלט, זי איז דאָך פול מיט וואונדער,
ניט געקוקט אויף בייז פון מענטש
גאַר איך איידער זון גייט אונטער
שוין אויף תמיד, וואָס מער זען.

— 38 —

שטעט און כרכ'ן אין די שטאַטן,
באָסטאָן, וואַשינגטאָן, ניו יאָרק;
דרום־ווינקלען — היים צעפלאַטערט,
העלע קאַליפאָרניע־וואָר.

גוט איז טראָגן זיך מיט באַנען
פון איין ברעג ביז צווייטן ברעג;
איבער ערדן, צווישן ימ'ען
גייען זאָרגלאָז טעג אַוועק.

טעג צעשווינדלט ווי אין פילם
גאַם און מויער, מענטש־געפּלייך ;
דרויסן — רעש ,מוזייען שטילע,
טעאַטערן — פול מיט רייך.

בוך־געשעפטן, ביבליאָטעקן,
רעסטאָראַנען — טומלדיק.
און אַט יאָגן נייע וועגן
זאָגן אָן אַ נייעם גליק.

— 39 —

איז שוין דריי און זעכציק איצטער,
איז אַצינדער מאָנטרעאַל,
אַ צענטראַלע, אַ צעבליטע,
מער נאָך מיט געבוי באַ'עול'ט

ס'גרייט די שטאָט זיך צו אַ יום טוב
גאָר אַ גרויסן — פול מיט פרייד ;
טוט זי זיך אַלץ מערער אָנטאָן
אין בנינים הויך און ברייט.

הונדערט יאָר קאָנפעדעראַציע
פונעם גאָרן ריזן־לאַנד ;
איז די שטאָט פאַרכאַפּט פון פּראַצע
שטייגן אויבעט וואַנט נאָך וואַנט.

קומען אויפעט וואָלקן־קראַצערס,
נייע אַלץ — אָ־דאָ, אָ דאָרט
ס'עט די שטאָט דאָ גאָר איינגיכן
ענלעך ווערן אויף ניו יאָרק.

— 40 —

מאָנטרעאל, סיי אַלט סיי נייע,
כ'האָב דיך ליב — פון ערשטן טאָג,
ווען דערזען דיך דאָ אַ פרייע
מיט אַזאַ מין אימפּעט־יאָג.

דורך די גאַסן דיינע — רווישיק
פול מיט בויאונג און מיט בלי;
פול געשעפטן, שעפער גרויע
פול מיט מסחר און מיט מי

— 41 —

מאָנטרעאל פילפערקערלעכע
שיין און פּרעכטיק אויפגעלבליט;
אין דיין קלעטערן אַליך העכער
האָט אַ חלק אויך דער ייד.

— — — — — — — — — — —

(דאָס ניט פאַרענדיקטע ווערק פונם דיכטער
וואָס דער מלאך המוות האָט אָפּגעשטעלט
זיין פען צוזאמען מיטן לעבן).

קיבוץ גלויות

אויף ערדן, אויף ים'ען, מיט הימלישע שליאַכן
פון לענדער, ישובים און כרכ'ן
עס טראָגן זיך מחנות, המונים זיך ציען
צו זוניקע ראַנדען פון הייליקן ציון.
פון גרינער בולגאַריע, פון געלער אַלזשיריע,
פון היצן אַדענער, פון קעלטן סיבירער
ביים פּרוט און ביים נאַרעוו, ביים רהיין און ביים ניעמאַן
ביים דניעפּער און ווייסל, ביים טיבער און סענע.
אויף ערדן, אויף ים'ען, דורך הימלישע ספערן,
מיט באַנען, מיט שיפן, מיט גיכע אַעראָס,
עס טראָגן זיך יידן, אי יונגע אי אַלטע
צום הײמלאַנד ישראל, צום לויטער צעשטראַלטן.
פון וויטן בראַזיליע ,פון נאָנטן מצרים,
פון שפּאַניע, פאַרקנעכט, פון אַמעריקע פרייער,
פון הויכן אין סערביע, פון האָלאַנד — אין נידער,
פון שנייען נאָרוועגער, איטאַליע צעבליטער,
פון זאַטער קאַנאַדע, פון נויטן אין כינע,
פון נעפּלען און ענגלאַנד, פון שיין אַרגענטינער,
פון סטעפּעס, פון פרייִרעס אַנ'סופ'יק —
פון מזרח און מערב און דרום און צפון.
אויף ערדן, אויף ים'ען, דורך הימלישע שטרעקעס,
פון ווייטסטע מקומות, פאַרוואָרפנסטע העקן,
מיט שיפן, מיט צוגן, אַוויאָנס און וואַגאָנעס
אַן אומה עס ציט זיך, אַ פאָלק טוט זיך טראָגן.
אין ווייטע טורבאַנען, אין קוטשמעס אין גרויע,
מיט אויגן מיט שוואַרצע, מיט אויגן מיט בלויע,
אין רעקלעך, קאַפּאָטעס, געבלומטע כאַלאַטן
מיט צורות באַבערדיקטע, מיט פנימ'ער גלאַטע.
אי מענער, אי פרויען, אי עופ'לעך, אי זקנים,
מיט מיילער צעקלונגען אויף שבעים לשונות,

פילקלאַנגיק־פילפאַרביק, מיט הערצער און ווילן
מיט בליקן אין גאַרונג מיט ליפּן אין תפילה
דערזען שוין דעם וואונדער, דעם העלן בראשית
נאָך יאָרן צוויי טויזנט פון גלות, פון חושך.
אָ, היימלאַנד — ישראל, דו וועסט זיי אויפנעמען
וועסט אַלע אויפנעמען, וועסט קיינעם פאַרשעמען ;
זיי קומען פון וואַנדער פון וויסטן פון בלינדן,
פון פעלדער — צעהרג'עט ,געווּיקלט אין ווינטן,
פון וועגן און אומוועג — מיט אימה באַהאַנגען
פון ברוינע פּאָגראָמען, האָרסט וועסל געזאַנגען

פון גרוילן אין געטאָס, פון אומקום־פאַבריקן,
פון אויוונס צעפלאַקערטע, פון גאַזן וואָס שטיקן,
פון בוינעס אין דייטשלאַנד, הריגות אוקראַינער,
פון קוילער אין עסטרייך, אונגאַרישע פּיינער
פון חיות צווייפיסיק אין מענטשן געשטאַלטן,
פון בונקערס פאַרגראָבן, פון בוידעמס באַהאַלטן,
זיי קומען פון אוישוויץ מיט הענט נומערירטע,
זיי קומען פון שטוטהאָף צו גריבער געפירטע.
פון די פּאַרטיזאַנער אין פינצטערע וועלדער,
פון וואַרשע־מרידה, אין שׂרפה צעהעלטער.
זיי קומען פון דאָרטן, זיי קומען פון דאַנען,
פון בײַנער פּאָנאַרער, פון אַש פון מײַדאַנעק,
פון חורבות אין פּערסיע ,פון היילען מאַראָקער,
פון תימן און איראַק פון פּיינט אָנגעשראָקן
פון פרעמדקייט — פאַרגאַליקט פון סמ'יקער שׂנאה
אין ווינקל אין יעדן, אין יעדער מדינה.
זיי קומען פון היימען — פון מחזור און איכה
זיי קומען פון הייזער — פול קעמפערישע כּוחות
זיי קומען פון שולן — פול תורה און סידור,
זיי קומען פון קלובן — פול פאָנען און לידער.
אַ טורעם צעשטראַל, אַריבער די צייטן
צו יעדן פון זיי האָט געפינקלט אַ שטערן

אין פּחדים־נאַכט לאַנגע, אין וואָגל אין שווערן.
זיי האָבן צו דיר זיך, מיין היימלאַנד, געצויגן
מיט ברויז אין די לייבער, מיט גלי אין די אויגן,
זיי האָבן געזען דיך אין שעה׳ן אין שוואַרצע,
אין ראָוון — פאַרזומפּיקטע — ביי גרענעצן שוואַרצן.
ווען טויט האָט געיאָגט זיי אויף וועג אויף אַ יעדן — — —
זיי האָבן געפּליסטערט איין וואָרט נאָר: מולדת,

אָ! לאַנד מיין — ישראל! דו וועסט זיי אויפנעמען,
וועסט אַלע אויפנעמען, וועסט קיינעם פאַרשעמען;
און צוטוליען אַלע דו וועסט זיי, ווי קינדער,
צו מוטערשע בריסטן צו דיינע צעגרינטע;
און אָפּווישן וועסטו פון אויג זיי די טרערן,
און אויסגלעטן וועסטו די זאָרג זיי פון שטערנס,
און גאַנץ מאַכן וועסטו די הערצער — צעבראָכן,
און וועסט זיי מיט מיט עול׳ן מיט נייע באַיאָכן,
מיט זוניקע עול׳ן — פון בויען, פון שאַפן
אַ היים אַ געזונטע, אַ זיכערן האַפן,
אַ לעבן — פאַרשטאַמיקט אין גרונטן אין פרייע —
פאַר זיך און פאַר דורות אָנצאָליקע, נייע. — —

אַ האַרציקן דאַנק די פאָלגנדיקע פריינט, וואָס האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך:

ב. אייראַן, א. אַנשעל, י בערמאַן, י. בעקער, א. באָש, פרוי פ. בייקאָוויטש, ה. בערנשטיין, ל. גילמאַן, ה. גראַוער, מר. און מרס. מ. קאַרנאָווסקי, מר. און מרס. סווירסקי, מר. און מרס. מ. גאָרדאָן, ב. גאָלדסטיין, וויזענפעלד, ה. זאַלקינד, מ. קאַזימיר, ב. קאָהען, לאָוטער, מ. לאַפּין, ליווראַנט, מעטאַ־לאָוויטש, מ. מענדעלסאָן, ה. מאַלטינסקי, מ. י. מענדעלסאָן, א נוסענזאָן, נאַיק, י. סינגער, ס. עדעלסטיין, מר. און מרס. פ. פּרעסמאַן, מר. און מרס. י. ראַבינאָוויטש, ה. ראַג, דר. ה. ראָזענפעלד, מר. און מרס. י. ראָזענפעלד, ה. ראַזענפעלד, מר. און מרס. ה. ראָזענבלאַט, מ. ראַסקעס, י. שטערנטאַל, י. שאַפּירא, ועד העיר און איצל קיבריק סאָסייעטי.

אַ באַזונדערן דאַנק פאַר דער מיטהילף צום בוך מיט די טעכנישע אַספּעקטן די פריינט, י. גראַסמאַן, דיכטער מ. מ. שאַפּיר און דיכטערין מירל שאַטאַן.

אַ יישר כוח אויך דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס: מיט דער סובסידיע זיינער האָט ער היפּש מיטגעהאָלפן, דאָס בוך זאָל דערשיינען.

פרוי ר. גאָטליב.

ביכער פון נ. י. גאָטליב

בלויע גנאָד (לידער)	1927
גאַנג (לידער און פּאָעמעס)	1929
זעגלען אין זון (לידער)	1932
איבערבוי (נאָוועלע)	1940
נייע לידער	1943
ליטע מײַן היימלאַנד (לידער און פּאָעמעס)	1945
חלוצים (פּאָעמעס)	1948
אַ מענטש אין די הימלען (לידער און פּאָעמעס)	1950
דריי פּאָעמעס	1955
מײַן לאַנד מײַן לידערשע	1958
זעכציק	1960
מאָנטרעאל	1968